STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09227

# IN VAYSN ELTER

Yosef Papyernikov

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאַפּיערניקאָוו

# אין ווייסן עלטער

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון שמואל און גאָלדע שפּיראָ־פאָנד, פּאַריז
עטאַבלירט ביים י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין ישראל

י. פּאַפּיערניקאָוו

# אין ווייסן עלטער

לידער

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

1976

# J. PAPIERNIKOV

# IN VAYSN ELTER

# אין ווייסן עלטער / יוסף פּאַפּיערניקאָוו

J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv, Israel

פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל, תשל״ו

Printed in Israel 1976

תל־אביב, תשל״ו — 1976

דפוס „אור״ בע״מ, שד׳ הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

## אָפּטיילונגען:

אין די ווייסע יאָרן
שוואַרץ־ווייס
נישט לשמה
אָנהויב סוף
היים און פרעמד

# אין די ווייסע יאָרן

# אין די ווייסע יאָרן

איז עס נישט צום לאַכן ? —
ליבע אויף דער עלטער,
ווען די יאָרן זענען
נישט קיין ווײַן אין קעלטער ;

ווען עס זענען יאָרן —
קרעכצענדיקע פורן,
לאַסט פון וואָס די רעדער
לאָזן טיפע שפורן...

אין אַזעלכע יאָרן
זינג איך ליבעלידער,
בין פאַרליבט און, מיט דער
ליבסטער — קידער־ווידער.

כ׳זינג פאַר איר — כאָטש כ׳פיל, אַז
כ׳בין נישט איר באַגערטער ;
זינג איר אָפטמאָל לידער
מיט פאַרסמטע ווערטער —

הערט זי און זי שמייכלט,
שמייכלט קלוג און ניכטער,
און זי טראַכט : אַזעלכע
זענען זיי, די דיכטער :

אייביק — יונג־פֿאַרליבטע,
דורשטיק נאָך באַרוישונג —
זוכט מען צו פֿאַרטרינקען
שפּעטער, די אַנטווישונג —

האָט מען וואָס צו זינגען,
האָט מען וואָס צו זאָגן,
און די ווינטן האָבן
לידער צום צעטראָגן...

לידער, ליבעלידער
אין די ווייסע יאָרן,
ווען מען האַלט שוין אויבן
ביים אַרונטערפֿאָרן...

# אַ פרוי...

צו איינער פון ווייניק

קוק איך, קוק אויף דיר פאַרחידושט און איך גאַף,
ווי כ׳וואָלט געזען די ערשטע פרוי פון גאָטס באַשאַף:
אַ פרוי, וואָס יעדער מאַן דאַרף זיין אין איר פאַרליבט
ביז אייפערזוכט צו דעם מיט וועם׳ זי איז געקניפּט;
אַ פרוי, מיט הייסע טריט פון דורשט און, שטאָלצן גאַנג,
ווי פון אַ הירשעכע וואָס זוכט אין וואַלד געטראַנק;
אַ פרוי, וואָס פול איז זי מיט רייץ מיט זון און זין
פאַר לעבן און פאַר אויסלעבן איר צייט, איר מין;
אַ פרוי, אַזאַ ווי דו, אויף וועלכער כ׳קוק און גאַף,
ווי כ׳וואָלט געזען די ערשטע פרוי פון גאָטס באַשאַף.

*

כ׳בין, דאַכט זיך, מיט פאַרגלייכן רייך,
נאָר כ׳האָב צו דיר נישט קיין פאַרגלייך,
צו דיר איז יעדער מעטאַפאָר —
אַ שוואַכער, בלאַסער רמז נאָר,
אַ רמז אויף אַ ליכט אַ גרויס,
אַזאַ וואָס שלאָגט פון דיר אַרויס,
אַ ליכט וואָס וואַרעמט, היילט, זאָגט צו
און לאָזט נישט, לאָזט נישט מער צו רו...

*

ווען כ׳וואָלט געווען אַ מאָלער, וואָלט איך דיך געמאָלט,
געמאָלט מיט צוויי־דריי פאַרבן: זילבער, בלאָ און גאָלד.

די זילבער־פאַרב גענומען וואָלט איך פון דיין קאָפּ
פון וואָס די יונגע ווייסקייט שיינט ווי שניי אַראָפּ.

דאָס בלאָ — פון דיינע קלאָרע, קלוגע אויגן צוויי,
וואָס אַלע טיפע הימלען שפּיגלען זיך אין זיי.

און ס׳גאָלד — ביסטו אינגאַנצן, דו, מיין מזמר שיר —
אין בלענד פון ליכט וואָס שלאָגט און שטראַלט אַרויס פון דיר.

*

ווי אין מאָלערס הייסע פאַרבן,
ווי אין סקולפּטאָרס שטיין דעם קאַלטן —
ליגט דער רייץ דיינער — אויף וווּנדער —
אין דער שאָל פון סוד באַהאַלטן.

שטיי איך פאַרן וווּנדער מיינעם,
(פאַר דער געטלעכער יצירה) —
פול צו דיר מיט בלינדער ליבשאַפט,
וואָס מאַכט פול מיט גרויסער שירה.

## פאַרפירעריש ליכט

וואָס נעענטער כ׳קום צו צו דיר —
אַלץ טיפער ציסטו זיך צוריק,
אַלץ ווייטער זע איך דיך פון מיר —
אַזוי נישט קלאָר און נעפלדיק...

צי ביסטו נישט ס׳פאַרפירערישע ליכט,
וואָס מאַניעט, ציט און פירט אַראָפּ פון וועג,
און פירט אַרויף אַ בלאָנדזשענדיקן
ערגעץ אויף אַ נישט־באַווינטן העק?...

איך קען זיי שוין, די נאַכטפלעמלעך.
נישט איינמאָל בין איך — נישט דערזען און נישט דערהערט —
זיי נאָכגעגאַנגען, ווי געפירט אויף בלינד
ביז — כ׳בין געפאַלן אויפן פּנים, צו דער ערד
און, אויפגעשטאַנען ווען ס׳האָט טאָג גענומען ווערן,
ווען ס׳האָט טרייסטנדיק צו מיר אַראָפּגעלויכטן
ס׳גרינע אויג פון מאָרגנשטערן.

# דיין ווייטע נאָענטקייט

דיין ווייטע נאָענטקייט צו מיר,
איז ווי אַ זומערדיקער ערב־רעגן;
ווי אַ פאַרנער ווינט
וואָס נעמט צעוויגן און באַוועגן
אַלץ וואָס וואַקסט און גרינט
און, דורשט נאָך רעגן —
מיט דערוואַרטונג וואָס איז פול מיט פיבער,
פול מיט ציטער,
ווי פאַר אַ קאַפּריז פון אַ געוויטער.

# אין האַרץ ביי מיר...

כ׳האָב אויף דיר פאַריבל:
לאַנג שוין ווי דו ווײנסט ביי מיר,
(אין האַרץ ביי מיר)
און, צאָלסט מיר נישט קיין דירה־געלט...

איך האַלט אַז דו ביסט רייך גענוג —
צו קאָנען צאָלן
און אַפילו איבערצאָלן...

געפעלט דיר נישט די דירה —
בין איך גרייט צו זיין מוותר
וואָס מיר קומט פון דיר
און — גיי אַרויס פון איר!...

פאַרגעס נאָר נישט —
צו לאָזן מיר דעם שליסל פון דער טיר...

# פאַראַדאָקסאַלע ליבע

כ׳האָב דיך ליב מיט יענער גרויסער ליבע
וואָס מאַכט בלינד
און, זעט דיך גרעסער ווי דו ביסט...

מיט יענער ליבע וואָס נעמט אָפּ דאָס לשון
און, לאָזט רעדן מיט די אויגן...

אַז איך זע דיך נישט —
דערפיל איך דיך
און כ׳זוך דיין נאָענטקייט,
נאָר זוך אַזוי — אין זאָל דיך נישט געפינען —
נישט צו זיין דער שאָטן פון דיין ליכט...

אַז כ׳זע דיך נישט,
נאָר הער דאָס קול דיינס —
ווער איך פול מיט ציטער,
ווי כ׳זאָל הערן אַז דו רעדסט מיט עמעצן
וואָס צווישן מיר און דיר —
איז ער, אַ דריטער...

## אין באַדויער

איך באַדויער מיינע לידער
וואָס איך האָב פאַר דיר געשריבן
און זיי זענען ווי די קינדער
מיינע — פרעמד ביי דיר געבליבן,
פרעמד און קאַלט, ווי אַן אַ מאַמען,
פרעמד און ווייט, ווי אַן אַ טאַטן,
וועלכער פילט זיך ווי עס וואָלט אים
אָפּגענאַרט ווער און פאַרראַטן...

כ׳האָב געלאָזט זיך לייכט פאַרבלענדן
פון אַ ליכט אַן אויבן־אויפיק,
און דאָס האַרץ — (ווי ביי אַ דיכטער) —
שלאָגט עס תמיד שטאַרק און לויפיק,
לאָזט זיך מיטגעריסן־ווערן,
און פון יעדע שיינקייט — פאַנגען
אויכעט אין אַן עלטער, ווען מען
איז נישט לייכט שוין אויף געזאַנגען...

זענען מיר אַ שאָד די לידער
וואָס איך האָב פאַר דיר געזונגען
און זיי זענען אַלע, אַלע
פון דיין האַרטקייט אָפּגעשפרונגען,

און ווי שנירלעך, דינע קלאַנגען —
זיך צעפֿאַלן, זיך צעשאָטן
און אַזוי — געוואָרן זענען
זיי, פֿון דיינע פּיס צעטראָטן...

## אייפערזוכט

איך בין אייפערזיכטיק אויף די לידער מיינע,
וועלכע דו האָסט ליב און, לייענסט גערן —
וואָלט איך זייער וועלן, כ׳זאָל ווי מיינע לידער —
אויכעט זוכה־זיין פון דיר געליבט צו ווערן...

כ׳ווייס, אַז דו, פאַר מיר, האָסט מער נישט ווי — פאַרערונג,
און אַמאָל — אַ קינסטלעד־ליבן שמייכל.
כ׳ווייס עס, נאָר — פאַרפאַלן! כ׳בין פאַרכאַפּט פון פייער —
שלאָגט מיין הייס געפיל זיך, מיט דיין קאַלטן שכל...

## נישט די ערשטע

### א

ביסט שוין די לעצטע ביי מיר —
ווי עס זאָגן מיר אונטער די יאָרן
צו וועלכע איך הער זיך נישט צו...
כ׳בין אויף ליבע — נאָך אַלט נישט געוואָרן;
כ׳בין אַלץ נאָך אַ דורשטיקער,
אַלץ — נישט געזעטיקט
און, כ׳האָב, ווי מיר דאַכט זיך —
נאָך אַלץ נישט פאַרשפעטיקט,
איך קאָן נאָך באַווייזן,
איך קאָן נאָך דעריאָגן,
איך קאָן זיך אַרויפכאַפּן נאָך אויפן וואָגן
און פאָרן דעם וועג
וואָס איך בין נישט דערפאָרן,
און אויסלאַכן זיך — וואָס עס זאָגן די יאָרן,
אַ סימן: מיין ליבע, מיין שפּעטע, צו דיר,
וואָס ביסט שוין אַוודאי די לעצטע ביי מיר,
די לעצטע פון וועלכער איך בין אַ באַהערשטער,
באַהערשט, ווי אַמאָל, פון מיין ליבע, מיין ערשטער.

ב

ביכט נישט די ערשטע ביי מיר,
ביסט שוין אַוודאי די לעצטע.
כ׳האָב דיך דערזען, ווען „די זון הינטער מיר" —
אַן אַרונטערגעזעצטע,
אַ גרויסע, אַ רויטע ווי צונטער —
וואַרפט פלאַמען,
צינדט אונטער,
ווי נאָכן פאַרשפּילן אַ שלאַכט...
און — פאַלט אַזוי, פאַלט הינטער זיך,
איבער וועגן וואָס פירן צו נאַכט.

# צו אַ מאַמען מיט איר טאָכטער

זע איך דיין טאָכטער — אַ שלאַנקע אַ דינע,
אַ סאָסנע אַ יונגע, אַ פרילינגדיק-גרינע,
זע איך זי — זע איך מיין חלום מיין לאַנגן:
איר מאַמען, וואָס האָלט מיך אַזוי ווי געפאַנגען.

ענלעך, איז ענלעך דיין טאָכטער — צום טאַטן.
נאָר כ׳פיל זיך פאַר איר, ווי איך וואָלט זיך פאַרראַטן,
ווי ס׳וואָלטן געוועזן מיך אַרומנעמען פלאַמען,
ווי ביים באַגעגענען זיך מיט איר מאַמען...

כ׳ווייס נישט וואָס טראַכט דערפון דיין בת־יחידה.
ווי קוקט זי אויף דעם וואָס איך שרייב פאַר דיר לידער?
צי לאַכט זי דערפון, ווי עס קאָן דערפון לאַכן
אַזאַ, וועלכע זוכט מען זאָל פריילעך זי מאַכן?

דיין טאָכטער איז ענלעך צו דיר — מיט איר שכל.
אויך זי — האָט אַ דינעם, איראָנישן שמייכל,
און אויגן וואָס דרינגען אַריין און, אַנטפלעקן
וואָס יענער וואָלט וועלן באַהאַלטן, פאַרדעקן.

וואָס אמת — אַזוי ווי דיין טאָכטער, ווען כ׳זע זי —
דערפרייט מיך אַ יעדער וואָס שטאַמט פון דיין גזע.

1970

*

װעל איך אויפֿהערן צו ליבן, װעל איך װיסן אַז כ׳בין אַלט;
אַז איך האָב שוין אָפּגעזױנגען; אַז דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט שוין, פֿאַלט;
אַז עס לעשן זיך די ליכטער, װעלכע האָבן מיך פֿאַרבלענדט;
אַז כ׳האָב אײביק אָ פֿאַרליבטער — ס׳לעבן מײנס אַזױ פֿאַרשװענדט.

װעל איך אויפֿהערן צו ליבן, װעל איך װיסן אַז ס׳איז אויס!
אַז ס׳איז האַרבסט שוין, יענער האַרבסט װאָס קאָן שוין נישט
פֿון האַרץ אַרױס;
װעל איך װיסן אַז די שײנקײט ליגט אין טרױעריקן פֿינאַל
פֿון מײן שװאַנענליד — װען קלאַנגען פֿאַלן װי אַ בלעטערפֿאַל...

## מיט לעבן

### א

פאַר חנהלע לייט

ז׳איז פול נאָך מיטן לעבן — דאָס לעבן אַליין,
און פול ווי דאָס לעבן — מיט טרויער און פרייד —
אָט לאַכט זי, אָט פאַלט זי אַריין אין געוויין
און ס׳איז נישט צום איינזעמען זי מיט קיין רייד;

ז׳איז אַלץ נאָך קאַפּריזנע אַזוי ווי אַ קינד —
כאָטש ז׳איז שוין קיין קינד נישט — אַ מאַמע שוין לאַנג
און, פול מיטן אומרו פון וואַלד אין אַ ווינט,
און פול מיט די ריטמען פון טענץ און געזאַנג.

ז׳איז פול נאָך מיטן לעבן — דאָס לעבן אַליין:
אַ לוסטיקע, גלוסטיקע — לאַכט זי און לאַכט,
נאָר ס׳הערט זי נישט קיינער ווען ס׳פאַלט איר געוויין
אַריין, ווי אַ שטערן — אין שויס פון דער נאַכט.

א

# מיין אַאַזיס

ב

אין באַוווינטן מידבר זענען דיינע דלד אַמות מײַן אָאַזיס,
ווו איך קום אַראָפּוואַרפן די לאַסט פון איינזאַמקייט,
געפינען אָפּרו אין די אָרעמס פון דער רו,
געפינען וואַרעמקייט,
וואָס נישט די מידבר־זון קאָן געבן,
נאָר — אַ האַרץ.

אין אָאַזיס פון באַוווינטן מידבר
בינד איך איבער מײַנע ווונדן
נאָכן דערנערדיקן דורכגאַנג,
און איך שטיל מיין ברענענדיקן דאָרשט נאָך גוטסקייט.

אין אָאַזיס פון באַוווינטן מידבר
לאָז איך בײַם אַוועקגיין איבער:
דאַנקבאַרקייט און ליבע,
אַז ס׳וווינט אין ווילדערניש אַזאַ ווי דו.

## מיר

ג

מיר האָבן זיך דערנעענטערט; מיר האָבן זיך דערקענט —
ווען אונדזער לעבן האָט שוין אויסגעזען ווי אויסגעברענט,
נאָר פּלוצעם האָט עס זיך אַ ריס־געטאָן, ווי ס'וואָלט אַ ווינט
געטאָן דאָס פייער אַ צעבלאָז און העליש אַ צעצינד.

קאָן זיין — מיר האָבן נאָך דאָס לעבן ווייט נישט אויסגעלעבט,
נאָך ווייט נישט אויסגעטרונקען עס, נאָך ווייט נישט אויסגעשעפּט;
און אפשר — אפשר זענען מיר דערגאַנגען זאַלבעצווייט —
צום טאָג פון קאָנען אויסלעבן אין אים, די אייביקייט?!

## פון אַלטן וויין

ד

לאָמיר, טייערע, זיך נעמען צו דעם אַלטן וויין,
וואָס איז געגנוג שוין אויסגעשטאַנען זיך עד־היום.
ביידע זענען מיר שוין אינעם גראָען האַרבסט אַריין
איז — לאָמיר אָנגיסן און זאָגן זיך: לחיים!

טרינק מיט מיר און שלאָג דיין כּוס אָן מיינעם אָן אַזוי,
אַז ס׳זאָל אַ קלונג־טאָן מיט אַיענער פרייד פון לעבן,
וואָס פון איר האָט אונדז — צו אונדזער ביידנס לייד און ווי —
דער גורל אונדזערער, אונדז זייער קאַרג געגעבן.

לאָמיר גאָרנישט איבערלאָזן פונעם אַלטן וויין.
אויך אַלטע קאָנען פונעם לעבן נאָך געניסן.
טרינק, מיין טייערע, פון וועלכן וויין עס זאָל נאָר זיין,
און איך — איך טרינק נאָך אַלץ פון „ווייבערישן״, זיסן...

# אַ תּפילה

ה

כ׳האָב נישט געבעטן נאָך אַזוי פאַר זיך אַליין,
ווי כ׳בעט אַצינד פאַר דיר, פאַר דיין געזונט.
ווי דו — קאָן זיין אַ קינד נאָר אומשולדיק און ריין
און, ס׳איז דיין ווײי דערפאַר מיין ווײ און ווונד.

דערפאַר — פאַר דיר די תּפילה מיינע וואָס איך טו,
אַ תּפילה פון אַ מענטש וואָס זוכט דיך, גאָט,
איך דאַרף דיין הילף, און אויב דו הערסט אַ תּפילה צו —
זע, לאָז זי נישט אַליין „אויף גאָטס באַראָט״...

# שוואַרץ-ווייס

# אַפריקע

אַ לאַנד אַ גרויס, אַ לאַנד אַ שיין, אַ רייך,
נאָר ס׳הערט זיך נישט פון פייגל קיין געזאַנג,
און הייבן זיי זיך אין די הימלען אויף —
האַלטן זיי זיך אינדערהויך נישט לאַנג.

די אַפריקאַנער בלומען וואַקסן גרויס,
מיט וווּנדערלעכע פאַרבן אָן אַ שיעור,
נאָר ווייסט איין גאָט פאַרוואָס זיי שמעקן נישט,
און זעען אויס ווי בלומען פון פאַפּיר.

אַ לאַנד אַ גרויס, אַ לאַנד אַ שיין, אַ רייך,
אַ לאַנד פון מילך און האָניק, גאָלד און אַרץ,
אַ לאַנד פון זון, נאָר — פינצטער איז אין אים
די יעניקע, וואָס זייער הויט איז שוואַרץ...

## די שוואַרצהויטיקע

איך ווייס אַז מיר, די ווייסע, זענען אייך פאַרהאַסט,
פאַרהאַסט ביז טיף אין האַרצן און — מיט רעכט!
נאָר איך, שוואַרצהויטיקע, איך בין דאָך נאָר אַ גאַסט,
אַ גאַסט ביי אייך — ווו איר זענט קנעכט בלויז, קנעכט,
וואָס טאָרן זיך נישט אויסגלייכן, נישט גלייכשטעלן
מיט די, וואָס האָבן איבער אייך די רוט
און מיינען, אַז ווי שוואַרץ עס איז ביי אייך די הויט —
איז שוואַרץ ביי אייך דאָס בלוט...

יאָ, ווייס בין איך, נאָר מיט דער ווייסער ראַסע מיין —
נישט שטאָלץ (ס'איז אויכעט ווייס צו ווייס, נישט גלייך),
עס האָבן ווייסע שוין באַוויזן ווילדער זיין
און שוואַרצער ווי עס איז די הויט ביי אייך;
איך בין אַ פיינט פון יעדע פינצטערניש ,
וואָס — פונעם האַרץ — דערגייט זי צום געדאַנק.
איך קום קיין אַפריקע באַקענען אייער פאָלק
אין פיין און קאַמף, אין טאַנץ און אין געזאַנג.

# אין הויז פונעם ווייסן

א

אין יעדן ווייסן הויז איז דאָ אַ שוואַרצער
(ס׳האָבן הייזער, צוויי, און אויכעט מער)
זיי זענען דינער, שקלאַפן, אונטערטעניקע
צו זייער ווייסער „ליידי״ און צום „סער״.

זיי טוען זייער אַרבעט מיט אַ שווייגן
מיט אַ טיפן, ווי אַ תפילה אויף אַ נס,
און ענטפערן דעם ווייסן נאָר דאָס נויטיקסטע,
די נויטיקסטע צוויי ווערטער: „נאָ״ און „יעס״.

און רעדט אַמאָל דער ווייסער צו זיין שוואַרצן
אָן דער הויך־באַפעלערישער שטים,
נאָר פשוט, מענטשלעך — גלויבט ער נישט די אוירן,
אַז דאָס־אָ רעדט מען עס אַזוי צו אים...

ער שטייט און פינטלט מיט די שוואַרצע אויגן,
און דו ווייסט נישט, וואָס ער טראַכט דערביי,
דו פילסט נאָר, אַז ער וואָלט פון האַס און אומצוטרוי
געטאָן אויך אויף די גוטע רייד אַ שפיי...

ב

דער שוואַרצערביים ווייסן אין הויז —
שטייט ווי אַ שאָטן ביי שוועל און ביי טיר,
און ס'דאַכט זיך — ער זעט דיך נישט,
ס'דאַכט זיך — ער קוקט נישט אינגאַנצן אויף דיר,
נאָר פילסט אים אַזוי, ווי מען פילט ווען
אַ חיה, וואָס האָט זיך פאַרשטעקט,
און לויערט באַהאַלטענערהייט
מיט פאַרטייעטן אָטעם, וואָס שרעקט.

דער שוואַרצער ביים ווייסן אין הויז —
טוט וואָס מען הייסט אים, און וואָס מען באַדאַרף —
אַזוי ווי אַ שטומער, וואָס רעדט
מיט די אויגן, וואָס זענען אים שאַרף,
און פילסט זי, די שניידיקע שאַרפקייט —
כאָטש ס'שטעקט נאָך דאָס מעסער אין שייד —
ווי ס'וואָלט זיך דער שוואַרצער, געהיים
און אויף מוראדיקס, לאַנגזאַם געגרייט.

ג

ווי שטום ס׳איז דער שוואַרצער אין הויז פונעם ווייסן —
אַזוי נעמט ער רעדן פאַר בלוט פון זיין שטאַם,
ווי ס׳וואָלט פון געצוימטקייט גענומען זיך רייסן
און שטראָמיק זיך שפּאַרן אַן אויסגוס צום ים.

אָהאָ, ווי דער שוואַרצער קאָן רעדעוודיק ווערן!
נישט רעדעוודיק בלויז, נאָר אויך טאָן צו דער זאַך;
ער דאַרף נאָר, אַז ס׳זאָלן אים אויפמערקזאַם הערן
די אַלע, וואָס האָבן זיין הויט און זיין שפּראַך...

אָהאָ, ווי זיי קאָנען דאָס הערן, די שוואַרצע!
(זיי זענען דאָך שטענדיק געהאָרכזאַמע קנעכט)
וואָס טראָגן כסדר באַהאַלטן אין האַרצן
אַזוינס, וואָס מאַכט שלאָפלאָז דעם ווייסן, די נעכט.

זיי ווייסן נישט וואָס, נאָר די ווייסע זיי פילן
פון זייערע קאָפּערס די שטומע, אַרויס,
אַ שנאה אַזאַ, ווי זיי וואָלטן זיך שפּילן
מיט פייער — פון שונא ביי זיך אינעם הויז.

## שוואַרצע זינגען

צוויי־דריי שוואַרצע, צוויי־דריי שטימען,
אַ געזאַנג פון צוויי־דריי טענער
און — עס דאַכט זיך, אַז מען האָט נאָך
נישט געהערט ווען זינגען שענער.

אַ געזאַנג פון צוויי־דריי טענער,
און דו הערסט זיך איין פאַרוווּנדערט:
צוויי־דריי שוואַרצע, צוויי־דריי שטימען,
און עס דאַכט זיך: ס׳זינגען הונדערט.

און דו הערסט זיך איין פאַרוווּנדערט:
ווי אַ פאָלק וואָס איז פאַרקנעכטיקט —
זינגט נישט, ווי עס זינגען שקלאַפן,
איז איין זינגען נישט אָנמעכטיק.

ווי אַ פאָלק, וואָס איז פאַרקנעכטיקט,
זינגט מיט שטאַרקע, פולע ברוסטן,
זיינע לויב און ליבעלידער,
זיינע בענקשאַפן און גלוסטן.

זינגט מיט שטאַרקע, פולע ברוסטן,
ווי אַ פאָלק אַ נישט דערשלאָגן,
וואָס נישט אייביק וועט עס איין־זיך
צו זיין פיינט די שנאה טראָגן.

ווי אַ פֿאָלק אַ נישט דערשלאָגן,
זינגען שוואַרצע אין די קראַלן,
ווו זיי לעבן אָרעם, נאַקעט,
אָבער, שטאָלץ און נישט געפֿאַלן.

זינגען שוואַרצע פֿון די קראַלן *)
אויכעט אין די שטעט און גאַסן,
ווו זיי שאַפֿן, ווו זיי בויען,
פֿאַר די ווייסע, וועמ׳ זיי האַסן.

---

*) דערפֿער

## שוואַרצע שפּילן

האָבן שוואַרצע נישט מיט וואָס דעם טאָג דעם גרויסן, אויסצופּילן —
גייען זיי אַרום — די שאָטנס אינעם לאַנד פון גאָלד און — שפּילן,
שפּילן — צו פאַרשפּילן זיך, צו מאַכן לייכטער זיך און גרינגער —
טוליען זיי צום האַרץ גיטאַרעס; צערטלען זיי מיט צוויי־דריי פינגער,
צופּן פון אַ צוויי־דריי סטרונעס, צוויי־דריי שוואַכע, לויזע קלאַנגען,
ווי אַ ווינטל וואָלט זיי אָנגעטראָגן פון אַ פעלד מיט זאַנגען —
ציטערן זיי דין און האַרציק, נאָגנדיק און מאָנאָטאָניק,
אָרעם, ווי דאָס לעבן זייערס, אינעם לאַנד פון מילך און האָניק.

האָבן שוואַרצע נישט מיט וואָס דעם טאָג דעם גרויסן, אויסצופּילן —
גייען זיי אַרום ביי זיך, ווי שפּילער אינדערפרעמד און — שפּילן.

# דער טאַנץ פון די זולוס

די זיגער האָבן ליב צו זען ווי ס׳טאַנצן די באַזיגטע.
דער קריגטאַנץ פונעם זולו־שבט האַלט געשפּאַנט די ווייסע,
עס ווילט זיי, ווען פון שוואַרצע לייבער רייסן זיך דערשטיקטע
די כוחות, די באַזיגטע — אין אַ קריגטאַנץ ווי אַ מעשה.

עס טאַנצט אַ יעדער מוסקול און אַ יעדער גליד באַזונדער,
ס׳באַגלייט זיי נאָר אַ ווילד געפּויקעריי ווי צום פאַרטויבן
און, וועקט אַ פייער אויף אין זיי און, אַן עקסטאַז — אויף וווּנדער! —
ווי ס׳וואָלטן טיף־דערשלאָגענע צוריק זיך אויפגעהויבן:

זיך אויפגעהויבן מיט אַ ברען פון שנאה אין די אויגן,
ווי ס׳וואָלטן פיס אַרויף אויף יענע ברענענדיקע שפּורן —
ווען ס׳האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן זייער פייל פון בויגן —
די גוט־באַוואָפנטע, די איבערפאַלנדיקע בורן.

דאָס בורן־פאָלק געדענקט זיי גוט, כאָטש ס׳האָט זיי נישט פאַרשריבן,
עס האָט געצווונגען האָט געהאַט פון זיי צו זינגען און צו זאָגן,
פון דעמאָלט איז די זולוס נאָר דער העלדנטאַנץ געבליבן,
אַ טאַנץ וואָס ווייזט ווי זולוס וועלן זיך אַמאָל נאָך שלאָגן.

## דער טאַנץביים „מיין״ *)

אין אַ זונטיק־פרימאָרגן, צופוסנס דעם „מיין״,
ביי דעם באַרג, וואָס באַגאָסן מיט ליכט איז, און שיין,
ביי דעם זאַמדיקן באַרג מיטן גאָלדענעם גלאַנץ —
גייען שבטים פון שוואַרצע — פאַר ווייסע אַ טאַנץ.

ס׳האָבן שוואַרצע דעם אַמפיטעאַטער געבויט
צו פאַרוויילן נאָר די, וואָס ס׳איז שוואַרץ זייער הויט,
און ס׳איז שוואַרץ ווי די הויט — זייער גורל פון פיין —
פון אַרויסגראָבן גאָלד פאַר די ווייסע, פון „מיין״.

קומען ווייסע צום זונטיק־ספעקטאַקל צו גיין,
ווי עס וואָלטן די שוואַרצע פאַר זיי נאָר אַליין
זיך פאַרגאַנגען אין טאַנץ, מיט געפויק און געקלאַנג,
אַ געקלאַנג ווי פון קייטן, וואָס פענטען דעם גאַנג.

ס׳טאַנצן זולוס, באַסוטוס, דער קסאָז און דער סוואַז,
פאַלן לאַנגזאַם אַריין אין אַ ווילדן עקסטאַז,
ווי עס וואָלטן ראַבאַטן פון שוואַרצן טשוגון
נישט פאַר מענטשן געטאַנצט, נאָר פאַר הימל און זון,
און פאַר זיי, פאַר די ברידער, די גרעבער פון גאָלד,
וואָס זיי טאַנצן צום שטאַרקסטן — דעם טאַנץ פון רעוואָלט.

---

*) גאָלד־שאַכט, גאָלד־מינע.

# גאָלדגרעבער

מיטן שלאָף נאָך אין די שוואַרצע אויגן
און אַליין אויך שוואַרץ ווי שטיקער נאַכט,
געוויקלטע אין קאָלדרעס און אין זעק —
אַזוי־אָ ציען זיי, די גאָלדגרעבער,
מיט הינטערשטאָטיש וועג,
באַגינען צו דער שאַכט —
אַראָפּצולאָזן זיך אין בויך פון דר׳ערד,
און ווי די ווערעם —
נישטערן אין זיינע אינגעווייד ן און געדערעם,
נישטערן און זוכן גאָלד, פאַר די,
וואָס האָבן זיי פאַר קנעכט געדונגען —
פאַרן פרייז פון גאָלדשטויב אויף די לונגען...

טראָגן ווינדעס זיי פאַרחלושט און פאַרשמאַכט
אַרויס, צוריק אַרויס שוין, פון דער פינצטערניש פון שאַכט —
וואַרט זיי אויבן ביים אַרויסגאַנג ווידער אָפּ
ווי אַלע מאָל — די נאַכט.

## דזשאָן מיט זיינע צוויי גיטאַרעס

— דזשאָן, וואָס דאַרפסטו צוויי גיטאַרעס?
קריגסט פאַר איינע געלט אויף שיך.

— איך דאַרף קיין שיך נישט „סער", איך דאַרף נישט,
כ׳דאַרף גיטאַרעס צוויי, פאַר זיך,
איך וועל זיי נישט פאַרקויפן! —
ס׳קאָן זיך דאָך פאַרלויפן,
איינע זאָל צעבראָכן ווערן.
ווער איך קיין גיטאַרע האָבן —
ווער זשע וועט מיך דעמאָלט הערן?!.
ניין, כ׳פאַרקויף נישט מיין גיטאַרע,
ווי כ׳פאַרקויף נישט „סער", מיין האַרץ,
וואָס די ווייסע טרעטן מיט די שטיוול —
ווייל מיין הויט איז שוואַרץ.

גייט דזשאָן אַרום מיט זיינע צוויי גיטאַרעס:
איינע — פאָרנט — הערט נישט אויף צו וועקן און צו מאָנען,
און די צווייטע, הינטן אויף די פלייצעס —
רוט דערווייל און האָרכט זיך איין אין דזשאָנען...

## גאָט איז שוואַרץ

אויף אַ ווייסער דרויסנוואַנט
פון אַ געבעטהויז פאַר די שוואַרצע —
האָט מיט שוואַרצע קויל,
אַ שוואַרצער אויפגעשריבן
מיט דער האַנט דער שוואַרצער:
גאָט איז שוואַרץ!
און ס׳האָט די שוואַרצע אויפשריפט
ווי אַ שוואַרצע ד׳ראָונג —
שוואַרץ אַראָפּגעשריגן
צו דער גאַס דער ווייסער,
און זי פול־געמאַכט מיט שוואַרצן אומרו
פאַר אַ שוואַרצן שטורעם,
וואָס עס זאַמלען די שוואַרץ־הויטיקע
פאַר זייערע דעראָבערער:
די שוואַרץ־פאַרהאַסטע ווייסע,
אין די הימלענדער פון שוואַרצע.

# װוּלקאַניש

פֿון אויבן־אויף — אַזאַ געבענטשטע רו,
וואָס איז אײַנערגעץ דאַכט זיך נישט פֿאַראַן,
נאָר קוקט מען טיפֿער, נעענטער זיך צו —
דערזעט מען, אַז מען זיצט אויף אַ װוּלקאַן.

די שוואַרצע, זיי, די נעבעכדיקע שאָף —
זיי זענען דאָס װוּלקאַנישע געפֿאַר,
וואָס וועט זיך ווען אַ וועק־טאָן ווי פֿון שלאָף,
און נעמען שפּײַען פֿײַער, גליִ און זשאַר.

דער שוואַרצער האָט דאָך אויך אַ האַרץ אַ רויט,
אַ האַרץ, וואָס בלוטיקט, ביז — ס׳ווערט פֿול די קרוג,
איז — מוז ער ווען אַרויס פֿון שוואַרצער הויט
און טאָן מיט שוואַרצער פֿויסט אַ זעץ: גענוג!

— גענוג אײַך, ווײַסע שדים פֿון נישט הי!
— גענוג, מיט לײַב און לעבן אײַך געדינט,
און נישט פֿאַרדינט מיט אונדזער שוואַרצער מי,
דאָס גוטס פֿון אײַערע באַליבטע הינט...

— גענוג! און — אויבן־אויף — אַזאַ מין רו,
וואָס איז אײַנערגעץ דאַכט זיך נישט פֿאַראַן,
נאָר קוקט מען טיפֿער, נעענטער זיך צו —
דערפֿילט מען, אַז מען זיצט אויף אַ װוּלקאַן.

יאָהאַנעסבורג, 1951

ניִשט לִשמה

# אַ טבע שוין אַזאַ

ס׳איז ביי מיר אַ טבע שוין אַזאַ מין,
וואָס געירשנט האָב איך פון דער מאַמען:
שווייגן, שווייגן, אָבער — נישט פאַרשווייגן,
נישט אַריבערגיין און נישט פאַרבייגיין
ווי אַ טויב־שטומער, צי ווי אַ בלינדער —
פאַר אַן אינטריגאַנט אַן אונטערצינדער,
פאַר אַ חונף און אַ טעלערלעקער,
און פאַר אַלדאָס שלעכטס וואָס ליגט אין שקר.

# אַליין אין וואַלד

פאַרבלאָנדזשע איך אַמאָל אין וואַלד־געדיכטעניש
איז ס׳ערשטע שרעק־געפיל וואָס מיך באַפאַלט:
אַ מענטש! אַ מענטש, אַליין אין וואַלד...
ערשט נאָכן פחד פאַרן מענטש —
גייט־אויף אין מיר די שרעק
פאַר וואַלד־חיות, וואָס ליגן ווו פאַרשטעקט
אין נאָרעס און אין ביימער־אויסגעהויל
און, זענען נאָך אַ פעטן ביסן — פויל
און נישט אויף איבערפאַלן גרייט —
ווי ס׳זענען מענטשן גרייט, אויך זאַטערהייט...

## ליד וועגן דאַכלאָזע

די ערשטע וואָס זענען אין שטאָטישן עלנט
די שיינקייט פון זונאויפגאַנג,
זענען — די דאַכלאָזע,
די, וואָס די נאַכט פאַלט זיי פריער פון אַלעמען צו
און באַאומרואיקט זיי מיט דעם אומרו פון פייגל,
וואָס האַלטן זיך אָוונטצייט נאָענט פון זייערע נעסטן...

כ׳קען זיי, די דאַכלאָזע.
כ׳קען זיי פון זיין אַמאָל איינער פון זיי,
וואָס, די נאַקעטע בענק אין די גערטנער און סקווערן,
די שטיינערנע טרעפּ און די נישעס פון הייזער,
דער הפקרדיק זאַמדיקער ים־ברעג דער פרייער —
זענען די נאַכטלעגערס זייערע
אונטער די הימלען די פרייע.

און כ׳קען זיי —
ווייל כ׳האָב אַמאָל אויכעט געפיבערט ווי זיי —
אין די נעפּלען פון גראָע באַגינענס,
וואָס האָבן מיט פייכטקייט — פון דעכער אוןביימער
געטריפט און געטרערט אויפן גורל אויף מיינעם.

און כ׳קען זיי, די דאַכלאָזע.
די מיטן חלום און שלאָף אין די אויגן.
איך האָב זיך נישט איינמאָל געטראָפן מיט זיי —
ווען די נאַכט האָט געעפנט אַ שפּעלטל אויף טאָג,
און די זון איז אַרויס ווי אַ ברויט פונעם אויוון...

## נישט שטענדיק

נישט שטענדיק קאָן מען זינגען סתּם, לשמה,
לשם געזאַנג פֿאַר שיינקייט, גלאַנץ און פּראַכט —
די הימלען זענען אויך נישט שטענדיק בלאָ
און, ס׳לייכטן נישט קיין שטערן יעדע נאַכט.

נישט שטענדיק איז דאָך יום־טוב, און ס׳געמיט —
נישט שטענדיק גרייט איז אויפֿנעמען געזאַנג;
פֿאַראַן אַ צייט ווען ס׳קאָן נישט זיין אַ ליד —
אַ שפּיל פֿון וואָרט, אַ שפּיל פֿון פֿאַרב און קלאַנג.

איך זאָג עס קעגן יענע זינגער בלויז,
וואָס וויקלען זיך אין נעפּל און אין סוד,
און זינגען שטענדיק זייער אומזין אויס,
ווי עפּעס גרויס און הייליקס, ווי געבאָט,

און לאָזן שיין־ווערטער אַרויס מיט פֿאַרביקייט,
ווי זייפֿבלאָזן — צום פּלאַצן און פֿאַרגיין,
און האַלטן נישט פֿון רעדן קלאָרע רייד,
און האַלטן נישט פֿון לידער צום פֿאַרשטיין...

און האַלטן נישט פֿון מיר — ווייל כ׳קאָן לשמה,
ווי זיי — נישט זינגען וועגן גלאַנץ און פּראַכט.
די הימלען זענען אויך נישט שטענדיק בלאָ
און ס׳לייכטן נישט קיין שטערן יעדע נאַכט.

## אַ טאָג — אַ שלאַכט

אַז דורכלעבן אַ טאָג, איז ווי אַדורכמאַכן אַ שלאַכט —
איז ליב און גוט די נאַכט —
אַפילו ווען מען שלאָפט זי נישט אַדורך
פאַר ווונד און ווײ,
ווי ס׳שלאָפט אַ זעלנער נישט אין פינצטערן טראַנשײ,
נאָר ליגט און וואַכט און היט,
און היט זיך פאַרן טויט
און, פיבערט, גליט
פון שרעק,
אַפילו פאַר די מאָרגנדיקע טעג —
פון זען אין יעדן האָריזאָנט
פון זונאויפגאַנג און זונפאַרגאַנג —
דעם פראָנט
צעפלאַקערט פון אַ שלאַכט;
פון זען אין אַלץ, וואָס רויט איז: בלוט —
איז ליב און גוט —
די נאַכט.

## פיינט פונעם אמת

א

ס׳האָט פיינט דעם אמת, דער, וואָס זיין געוויסן איז נישט ריין,
וואָס שטענדיק, דאַכט זיך, ברענט ביי אים דאָס היטל אויפן קאָפּ,
און דער, וואָס גיט אַמאָל אַ ציטער אויך פאַר זיך אַליין
און לאָזט פאַר זיך אַליין, אַמאָל, די אויגן טיף אַראָפּ...

און ס׳האָבן פיינט דעם אמת, די, וואָס לעבן פון דער נאַכט
און — פלאַטערן אין איר, ווי פלעדערמייז — פון אָרט צו אָרט;
און פיינט דעם אמת, האָבן די, וואָס רייסן זיך צו מאַכט,
און הייליקן, אין גאַנג צו איר, אפילו קאַלטן מאָרד.

ב

דער אמת אין אונדזער פאַרווילדעטער צייט
איז דאָס פילבאַרסטע קינד, וואָס עס שטייט אָן אַ זייט
פון יעדע נישט שיינער, נישט ערלעכער שפּיל,
וואָס פאַרשעמט און באַליידיקט דעם ריינסטן געפיל.

דער אמת — ווען ס׳קיניגט דער שקר און לאַכט
פונדערוועלט, וואָס איז אונטעגעוואָרפן זיין מאַכט —
דער אמת אין אַט־אַזאַ וועלט — איז דאָס קינד,
וואָס דער שקר רעדט־צו און רעדט־איבער צו זינד.

## צו די, וואָס זוכן דעם אמת

זאָגט נישט קיין ליגן און — זוכט נישט דעם אמת —
איר, פּראָפעסיאָנעלע אמת־זוכער!
איר, וואָס אַז מען כאַפּט אייך ביי אַ ליגן,
ווי מען כאַפּט אַ גנב ביי דער האַנט —
ווערט איר חלילה נישט רויט,
און איר ענטפערט מיט אַ צווייטן ליגן:
„דער ציל הייליקט דעם מיטל".

אָ, פּראָפעסיאָנעלע אמת־זוכער!
וואָלט איר דעם אמת געטראָגן אין האַרץ,
ווי אַ גלויביקער טראָגט גאָט אין האַרצן —
וואָלט איר פאַרשפּאָרט אים צו זוכן,
וואָלט איר דעם אמת געפונען פאַר אייערע פיס,
ווי מען געפינט אַ געפאַלענע פירה ביים שטאָם.

## צו די, וואָס ווילן ראַטעווען די מענטשהייט

וועלט-דערלייזער, וועלט-באַפרייער, רעטער!
אפשר וואָלט איר אויפגעהערט צו ראַטעווען די מענטשהייט
און גענומען ראַטעווען דעם מ ע נ ט ש,
דעם מענטש פון פלייש און בלוט,
דעם מענטש פון לייב און לעבן,
וואָס איר קענט אים רעכט נישט,
וואָס איר האָט אים רעכט נאָכנישט אַריינגעקוקט אין פּנים,
נישט געזען נאָך רעכט, זיין אויסזען,
נישט געשפּיגלט זיך אין זיינע אויגנאַפּלען,
און אין זיי נישט אָפּגעשפּיגלט אייער דאָן־קישאָטישקייט.

פון מענטש, פון מענטש הייבט אָן! —
איר, וועלט־דערלייזער, וועלט־באַפרייער, רעטער,
איר, וואָס אויף די וועגן צו דער מענטשהייט —
גייט איר איבער מענטשן...

# איך טרוי נישט מער

איך טרוי נישט קיינעם מער, מיין אָרעם ביסל לעבן,
און קיינער האָט נישט מער קיין רעכט
צו רעדן אין מיין נאָמען;
איך געהער שוין לאַנג נישט צו די צאַן קדושים,
וואָס זיי גייען נאָכן פאַסטוך — זייער רבין —
גרייט אויף אַלץ צו ענטפערן אים: אָמן.

קיינער האָט נישט מער קיין רעכט
צו רעדן אין מיין נאָמען.
איך געטרוי קיין פירער נישט — וואָס מיר איז טייער;
כ'האָב פון לאַנג זיך שוין באַפרייט
פון וועלט־ און מענטש־באַפרייער,
וועלכע זענען פאַר דער גרויסער שליחות זייערע — צו קליין...

איך וועל זיך שוין דאָס שטעטל מיינס, אַליין באַשטיין...

# אַ גוטער מענטש

אין אַ וועלט מיט שלעכטס,
וואָס ליגט די שלעכטע, אין די בלוטן —
אין אַ וועלט אַזאַ
איז אַ רחמנות אויף אַ מענטש אַ גוטן,
אויף אַ מענטש וואָס קאָן זיך טיילן
מיטן לעצטן ביסן
אָדער — העלפן עמעצן אַזוי,
אַז ס׳זאָל דער הילף־באַדאַרפטיקער נישט וויסן
ווער עס טראָגט די הילף אַריין אין שטוב אים.

אַ רחמנות — אויף אַ מענטש, אַ גוטן,
אַ רחמנות — שוין דערפאַר,
וואָס ביי די „אויסטויגער״, „חכמים״ —
איז אַ גוטער מענטש אַזאַ — אַ נאַר.

## רער לעצטער פלי

### א

נאָכן טראַגישן טויט
פון אליהו גאָזשאַנסקי

ער איז געווען אין פולן בלי
(אין גאַנצן פינף און דרייסיק יאָר)
אַ זון פון פאָלק, אַ זון פון די
וואָס קומען פון דער האַרטער וואָר —
אין סאַמע בלי, אין פריסטער פרי —
ווען אויגן קוקן נאָכנישט קלאָר.

ער איז געווען אין פולן בלי
און, ס׳האָט געוואָלט (דער צופאַל נאָר) —
עס זאָל ביי פינף און דרייסיק יאָר
שוין זיין, זיין העכסטער, לעצטער פלי —
ווו שניידנדיקער ווינט פאַרהאַלט,
פאַרכאַפּט דעם אָטעם, דרייט, פאַרדרייט —
ווו ס׳טרעפט, אַז אויך אַן אָדלער פאַלט,
ווי פון אַ קויל — אין טאָל פון טויט.

ב

עס שטייט מיר פאַר די אויגן נאָך, זיין גאַנץ געשטעל:
דער שלאַנקער וווקס זיינער, בלאָנד־האָריק, ליכטיק, העל,
בלאָ־אויגיק, קינדיש מילד און — לאַנג שוין רייפער מאַן,
פון פריסטער פרי — אַן איינגעשפּאַנטער שוין אין שפּאַן
מיט די, וואָס האָבן אָנגעצייכנט זיך מיט רויט —
דעם שווערן וועג פון קאַמף פאַר לעבן, אָדער — טויט.

ער שטייט פאַר מיר נאָך לעבעדיק און רעדט צו מיר
און טרייסט מיך: ס׳וועט נאָך גוט זיין, גוט זיין, זאָג איך דיר,
דער אמת איז מיט אונדז, דערפאַר — מיט אונדז דער זיג —
אַפילו ווען מען גייט אַמאָל אַ טראָט צוריק,
מען דאַרף נאָר גלויבן, גלויבן! — האָט ביים יונגן מאַן,
ווי אויפגעבליצט אין זיינע בלאָע אויגן דאַן.

די צייט וואָס איז אַוועק אַן אים, איז — אַ פאַרגאַנג
וואָס לאָזט פון וויטסטער ווייט, מיט ציטער און אויף לאַנג —
אַן אָפּהילך הענגען ווי אין טיפער דעמערונג.
איך זע אים און איך הער אים נאָך, דעם בלאָנדן יונג,
וואָס האָט אין קאַמף — נאָך הויך זיך אויפהייבן געקאָנט —
ווען ס׳לעשט דער טויט נישט אויס, זיין רויטן האָריזאָנט.

תל־אביב, 1949

# דאָס גייסטיקע ברויט

נאָכן טויט פון פּסח בינעצקי

...געלעבט אין אַ נויט און געזונגען אין נויט.
געזאַנג איז געווען אים — דאָס גייסטיקע ברויט.
דאָס וואָרט איז געווען אים — אַ מיטל צום ציל
פון איינעם אַזאַ, וועלכער ווייסט וואָס ער וויל...

געווען אַ פּאָעט, אַ פּאָעט אַ פּראָלעט,
וואָס האָט מיט די לידער, צו „עמך" גערעדט,
צו „עמך" פון שער און פון אייזן, צו די
וואָס לעבן פון שווייסיקער פּראַצע און מי.

האָט ער געזונגען פאַר זיי דאָס געזאַנג,
וואָס וועקט און וואָס מונטערט, מאַכט לייכטער דעם גאַנג —
אין אויפמאַרש פון צאָרן, פון בונט און פּראָטעסט,
וואָס פירט און דערפירט צו געוואַגטן פאַרמעסט.

געזונגען, געזונגען, געזונגען און — אויס!
עס איז פון די רייען דער זינגער אַרויס,
אַרויס און אַוועק, — אויפן רוף פונעם טויט
און, איבערגעלאָזן דאָס גייסטיקע ברויט...

תל־אביב, 1966

# ווידער אין פּאַריז

כ׳בין ווידער אין פּאַריז. פּאַריז איז אַלץ נאָך שיין,
איז אַלץ, נאָך אַלץ די וועלטפּרוי מיט איר שאַרם און חן,
איז אַלץ נאָך פול מיט לוסט און גלוסט, מיט עלעגאַנץ,
נאָר עפּעס איז אַראָפּ פון איר, אַראָפּ דער גלאַנץ
און, איז ווי נאָך אַ שווערער איבערלעבונג — מאַט
פון היטלער־יאָרן און — פון אייגענעם פאַרראַט
פון אומווירדיקע זין פון פאָלק, וואָס האָבן ס׳לאַנד
פון ראָבעספּיער, דאַנטאָן, מאַראַט — באַדעקט מיט שאַנד

פּאַריז, 1950

# אין דער שטאָט פון אַלע מוזעס

אין פּאַריז, די שטאָט פון אַלע מוזעס
און פון אַלע שיינקייטן —
פאַרלוירן האָב איך זי,
די מוזע מיינע,
זי פאַרלוירן אינעם ים געמיינקייטן,
וואָס פּאַריז, די שטאָט פון אַלע שיינקייטן,
פאַרמאָגט.

קאָן זיין, אַז כ׳האָב פאַרלוירן זי
אין יענע זינד־קוואַרטאַלן
ווו דאָס לעבן איז אַ זומפּ,
און מענטש — געפאַלן;
ווו ביינאַכט, פון שאָטנליכט אַרויס —
באַוועגן זיך פאַר יעדן הויז,
צעשטעלטע פרויען־סילועטן,
וועמענס אויגן ס׳רופן און פאַרבעטן
אויף „אַ ביסל ליבע" (ווי זיי זאָגן)
און — פאַרשווינדן פון די געסעלעך און ראָגן —
ווען עס גענעצט שוין דאָס טאָגן.

אפשר האָב איך זי פאַרלוירן צווישן יענע
וועמען ס׳רינט פון מויל די סלינע,
ווען זיי זעען וועמען עסן;
יענע וואָס זיי נערן זיך מיט שנאה

צום אַרום, וואָס האָט אין זאַטקייט זיי פאַרגעסן
און אין ווילטאָג זיי פאַרזען
אין זייער עלנט, פּיין און ווײ —
אפילו אין דער קריסטמעס־וואָך פון גוטס:
„לאַ סמען דע לאַ בּאָן טעי".*

קאָן זיין, אַז כ'וועל זי פריער אָדער שפּעטער
ווו געפינען, אין דער שטאָט פון אַלע שיינקייטן,
די שטאָט פון ליכט,
די שטאָט פון אַלע מוזעס
און, פון אַלע שענדלעכע געמיינקייטן.

פּאַריז, 1963

---

*) די וואָך פון טוען גוטס.

## דאָס וויגליד פון „פאַרגי און בעס"

ס׳פאַרפאָלגט מיך דאָס וויגליד פון „פאַרגי און בעס",
(וואָס די נעגער־מאַמע זינגט איר נעגער-קינד) —
אַ וויגליד, ווי אַ תפילה אויף אַ נס,
אַ ליד — אַ שניידנדיקע וויי און ווינד. —

פאַרפאָלגט עס מיך און — כ׳גיי אַרום דערמיט,
ווי ס׳וואָלט געווען אַן אַלט און היימיש ליד,
אַ יידיש וויגליד, וואָס מיט קלאָג פון ווינט —
פאַרוויגט האָט עס אַמאָל אַ יידיש קינד
אין טאַטע־מאַמעס היים: אין פוילנלאַנד,
פונוואַנען כ׳בין אַרויס ווי פון אַ בראַנד —
נאָך איידער ס׳האָט דאָס טויער זיך פאַרמאַכט
און, זיך אַראָפּגעלאָזט די ברידערס אומקום־נאַכט.

דאָס וויגליד פון האַרלעם איז אויך פון אַ ייד,
וועלכער איז אין נעגערס שוואַרצער הויט אַריין
און אויפגעזונגען זייער פאָלקסגעמיט
פון בונט, וואָס וואַקסט פון טרויער און פון פּיין.

תל־אביב, 1961

## פ ר י י ה י י ט

נישטאָ קיין גרעסער גליק ווי — פריי זיין, פריי,
אַן אומבאַגרענעצטער,
אַ נישט־געצוימטער זיין —
די פרייהייט זאָל אַרויסשרייען פון דיר:
די וועלט איז מיין!
די גאַנצע וועלט איז מיין
און, מיר — דעם מענטש — געהערט
דאָס רייך פון הימל,
און דאָס רייך פון דר׳ערד,
און אויב ס׳געהער׳ט נישט מיר —
באַדאַרף עס מיר געהערן,
מיר און דיר און, אַלע
וועלכע בויען און צעשטערן,
אַז ס׳זאָל נייערס, שענערס, בעסערס,
מענטשלעכערס געשאַפן ווערן.

תל־אביב, 1965

# אין באַוווינטן מידבר

## א

מוראדיקער פון סאַהאַראַ־מידבר
איז — דער מידבר דער באַוווינטער,
ווו מען גייט נישט מיט קיין קעמלטריט,
נאָר מיט געאייל און מיט געשטויס,
וואָס שטויסט אַוועק,
וואָס שטויסט אַרויס
און לאָזט פון הינטן די,
וואָס גייען נישט אין שפּאַן
און, לאָזן זיך נישט פירן ווי די פי...

ב

אין געדיכט־באַוווינטן מידבר
ווו אַ שטאָט איז ווי אַ ראַיענדיקער בינשטאָק —
איז נישט לייכט זיך צו דערפרעגן אויף אַ גאַס,
נישט לייכט זיך צו דערפרעגן אויף אַ הויז
און, שווער זיך צו דערפרעגן אויף אַ מענטש...

אין געדיכט־באַוווינטן מידבר
האַלט מען חיות אין אַ „זאָא", הינטער קראַטן.
וועלף, שאַקאַלן און היענעס —
דרייען פרייע זיך אַרום צעווישן מענטשן...

ג

מידבר אין האַרץ — קומט פון דרויסן,
פון וויסטן, באַוווינטן אַרום,
ווו גלייך זענען, דאַכט זיך, די וועגן,
נאָר ס׳זענען די געגנג אויף זיי — קרום
און פאַלש ווי די רייד פון אַ חונף,
און שלעכט, ווי אין חלום — תהום.

מידבר אין האַרץ — קומט פון דרויסן,
פון לעבן אַזוי ווי אין סדום.

ד

אומענדלעך גרויס איז דער באַוווינטער מידבר
ווו דער נישט־געשריבענער געזעץ, איז: כוח,
רויער כוח וואָס איז ווייט פון האַרץ
און ווייט פון מוח.

איז אָך און ווי צו דעם וואָס ווידערשפעניקט
און איז מורד קעגן מידבר־קעניג,
וואָס געוווינט איז — האַלטן אונטערטעניק
זיינע אונטערטאַנען
און אין זיינע רייטוואָגנס — צו שפאַנען די
וואָס לאָזן זיך ווי פערד און אייזלען — שפּאַנען.

ה

אַ קול אין מידבר גייט פאַרלוירן
אָן אַן אָפּהילך,
אָן אַן ענטפער —
אויכעט אין באַפעלקערטע מידבריות
ווו מען רעדט אויף זיבעציק לשונות
און — מען רעדט זיך נישט צונויף;
ווו אַלע ריידן שרייענדיק, ווי טויב־שטומע
און הערן זיך אַליין נאָר...

ווי שטאַרק ס׳זאָל דאָס קול פון אַ יחיד
אַ רוף־טאָן אויף הילף —
וועט עס אומעטום אויסגיין
אָן אָפּהילך,
אָן ענטפער —
אין מידבר...

ו

אין באַוווינטן מידבר זענען הייזער — בינשטעק,
און די איינוווינער — די בינען,
בינען, וועלכע טראָגן אָנשטאָט האָניק —
זיסקייטן פון גיפט
און שטעכיקייט פון דערנער
זיך צו שיצן איינער קעגן צווייטן...

אין באַוווינטן מידבר
האָבן טירן — אויגן,
אויגן, וועלכע זעען דיך,
און דו — דו זעסט נישט דעם,
וואָס האָט דיך אויפן אויג...

אין באַוווינטן מידבר איז אַ יעדער חשוד,
אַז ער לויערט אויפן גוטס פון צווייטן,
אַז ער לויערט אויפן צווייטנס לעבן.

ז

נישט ווי אינעם נישט־באַוווינטן מידבר —
איז דער מידבר דער באַוווינטער
פול ביז איבערפול, מיט לעבן,
וואָס נישט אַלע, ווייט נישט אַלע
לעבן עס נאַטירלעך אויס
און, גייען פונעם לעבן
צודערצייט אַוועק...

אין מידבר אין באַוווינטן
איז דאָס לעבן אַ ווולקאַן,
וואָס קאָכט און זידט,
וואָס דראָט, באַדראָט,
רייסט־אויף און שפּייט,
פאַרשפּייט מיט פייער —
נישט נאָר דערפער,
נישט נאָר שטעט,
נאָר לענדער און מדינות —
גייען מיט די שנאה־פייערן אַוועק —
אין מידבר אין באַוווינטן.

ח

די הייזער אין שטעט פון באַוווינטע מידבריות —
האַלטן זיך אַלע צוזאַמען,
שפּאַרן זיך אָן איינס אָן צווייטן,
האַלטן זיך אונטער;
נאָר די באַוווינער אין זיי —
זענען ווייט זיך פון נאָענט
און פרעמד זיך אין היימישער שכנות;
די וווינונגען זענען מלוכות
מיט אייגענע געזעצן פון רעזשימען
אין וועלכע עס טאָר זיך נישט מישן
אַפילו דער נאָענטסטער שכן;
ער טאָר נישט אַריבער די גרענעץ —
אַפילו ביי אָפענע טירן.
דערפאַר — קוקן איינער צום צווייטן אַריין
דורכן שליסלאָך,
וואָס אין דער טיר, דער פאַרמאַכטער...

ט

אין באַוווינטן מידבר זענען אויסער בינען,
וועלכע גיבן נישט קיין האָניק,
נאָר די שטעכיקייט פון דערנער —
אויך פאַראַנען וועלף און שאָף.
און ווי די טבע איז פון וועלף —
זענען זיי נישט קיינמאָל זאַט
און — שטענדיק בליצן הונגער־פלעמלעך
פון די אויגן זיי אַרויס,
און שטענדיק זענען שאַרף ביי זיי די ציינער...

און די שאָף — ווי ס'איז די טבע שוין פון שאָף:
גייט סטאַדעווייז און טיף הכנעהדיק,
די קעפּ אַראָפּגעלאָזט, אַזוי,
אַז — זעסט די אויגן נישט;
נאָך שטילער ווי דאָס גראָז איז —
שאַרט אַ גראָע מאַסע זיך
און טראָגט מיט זיך דעם ציטער
פאַר דער הויט און פאַר דער פעל...
און ס'איז אַלץ איינס איר — ווו דער פאַסטעך פירט,
און ס'איז אַלץ איינס איר — דאָס געביל
פון פאַסטעכס וואָלף־הונט.

י

דער איינציקער באַוווינער
אינעם נישט־באַוווינטן מידבר
איז — דער ווינט
אויף די נאַקעטע זאַמדן,
וואָס לאָזן אים טאָן מיט זיך
וואָס עס געפעלט אים:
גלעט ער זיי,
רונדיקט זיי בייכיק און ברוסטיק,
פאָרעמט זיי,
מאַכט זיי געשטאַלטיק,
באַלעבט זיי,
וועקט אין זיי דאָרשט
וואָס ער קאָן זי נישט שטילן,
שרייבט אויף זיי מידבר־כּתב,
מאַכט היעראָגליפן,
מעקט אויס דאָס געשריבענע —
ווידער צו שרייבן;
אָט נעמט ער אַ זשמעניע אַ פולע מיט זאַמד
און שיט און צעשיט אים
אויף לינקס און אויף רעכטס,
ווי דער זייער — די גילדענע זריעה אין פעלד
און טראָגט אַזוי, זשמעניעווייז, זאַמדבערג אַריבער
פון איין אָרט צום צווייטן,
פון איין אָרט צום צווייטן,

אַזוי — ביז די זון לאָזט דעם קאָפּ דעם צעפּלאַמטן
אַראָפּ אויף אַ זאַמדבאַרג
און לעשט זיך, פֿאַרלעשט זיך,
און דער מידבר־ווינט — אַן אָפּגעקילטער
פֿאַלט צום אָפּגעקילטן זאַמדגעלעגער צו
און דרעמלט אינדערפֿינצטער דורך
אַ פּיבערדיקע מידבר־נאַכט.

## יא

אין באַוווינטן מידבר
ברענגען ווינטן שלעכטע בשורות,
זענען אָנזאָגער אויף שטורעמס,
וועלכע קאָנען וועלדער אויסוואָרצלען,
איבערקערן טייכן
און דערטרינקען שטעט און דערפער.

ערגער אָבער איז דער שטורעם
וואָס אים ברענגען נישט קיין ווינטן,
נאָר ער קומט פון די באַוווינער
און איז קעגן די באַוווינער;

ס'איז אַ שטורעם וואָס מען ברענגט
מיט בלינדע פייערן פון שנאה —
אַלע — קעגן אַלע,
יעדער — קעגן יעדן.

אַלעמען איז ענג די וועלט
און יעדער דאַרף זי נאָר פאַר זיך...
און יעדער גרייט איז אָפּצוקויפן
יעדנס עולם־הבא.

אין באַוווינטן מידבר שטורעמט שטענדיק,
רייסן שטענדיק אויף ווולקאַנען

פון אַיעדנס דלד אַמות
ווו מען רעדט פון שלום־בית
און מען ברענט די טריט וואָס פירן
איינער צו דעם צווייטנס שוועלן,
אייגער צו דעם צווייטנס טירן.

אָנהויב סוף

# נאָכן טויט פון אַ פריינט

דעם אייביקן אָנדענק
נאָך יוסף דזיאַלאָשינסקי ז״ל

געפינען אַ פריינט, איז — געפינען אַ טרייסט
אַז דו ביסט נישט אַליין —
אויף פאַרלוירן־צו־גיין
אין אַ וועלט ווי אַ דזשונגל.

געפינען אַ פריינט, איז — געפינען אַ הילף,
און די הילף איז — אַן אויער,
וואָס הערט און דערהערט דיך אין טרויער —
אַפילו אין מידבר.

געפינען אַ פריינט, איז — געפינען אַן אויג,
וואָס צינדט זיך פאַר דיר ווי אַ שטערן
פון וועלכן ס׳נעמט ליכטיקער,
זיכערער ווערן.

געפינען אַ פריינט, איז — געפינען אַ האַרץ
וואָס איז נאָענט צום אייגענעם האַרץ און געמיט
און עס רעדט אויף דער שפּראַך פון געפיל, ווי אַ ליד
פון אַ פשוטן מענטש.

געפינען אַ פריינט איז נישט לייכט,
פאַרלירן אים — שווערער.
דער טויט פון אַ פריינט, איז — דער צער
נאָכן טויט פון אַ ברודער און, מערער.

תל־אביב, 1973

## אין ליכט פון פאַרגאַנג

אין ליכט פון פאַרגאַנג — גייען־אויף אין זכרון
די יונגסטע, די שענסטע, די ליכטיקסטע יאָרן
און ס׳צינדן זיך אָן שוין די מיד־מאַטע אויגן
פון וועלכע די צייט האָט דאָס ליכט אויסגעזויגן.

אין ליכט פון פאַרגאַנג — ווערן נאָענט די ווייטן
אויף וועלכע מען זעט זיך אַליין אויף זיי רייטן
מיט ווינטיקן אימפּעט — די זונען אַנטקעגן —
ווען ס׳פאַלט אויף די קני שוין די נאַכט אויף די וועגן.

אין ליכט פון פאַרגאַנג — גייען־אויף די אַמאָלן,
ווי נאַקעטע שאָף נאָכן שערן די וואָלן,
און טרויעריק — נעמט מען פאַרשטיין אַלץ, און אַנען
אַזוינס, וואָס מען האָט נישט אַ לעבן פאַרשטאַנען.

# אויך נישט דער...

אויך נישט דער וואָס בעט אויף זיך דעם טויט
ווי אויף דער איינציקער דערלייזונג —
אויך נישט דער איז גרייט
דאָס לעבן אויפצוגעבן —
ווי לאַנג די אויגן זעען
(זאָל עס זיין אַפילו דורך אַ שפּאַלט):
אַ פּאַסמע בלאָען הימל,
אַ פּאָדעם זון וואָס שטראַלט
און רייצט דאָס אויג ביז טרערן;
ווי לאַנג די אויערן הערן:
(זאָל עס זיין אַפילו טויבלעך, שוואַך) —
דעם ריטעם און דעם קלאַנג פון יעדע זאַך,
פון יעדע רעגונג
און באַוועגונג —
וויל נישט קיינער אויפהערן צו הערן,
אויפהערן בייגאַכט צו זעען שטערן
אָדער — ס׳ליכט פון דער לבנה:
ליכט פון חלום און באַגערן.

## ביי איר קראַנקנבעט

דעם אייביקן אָנדענק נאָך צפורה לעווין

זיץ איך ביי איר קראַנקנבעט
און קוק אויף איר און, קוק,
ווי כ'וואָלט זי נישט דערקענט...
די אויגן נאָר, זיי זענען אירע:
קוקן מילד און קלאָר און קלוג,
נאָר טרויעריק און פיבערדיק צעברענט...

זיץ איך און איך קוק אויף איר,
און זי — אויף מיר:
וואָס זאָגט מען איר?
וואָס פרעגט זי מיך?
וואָס טראַכט זי שטום אַריין אין זיך —
אויב נישט פון יענעם האַרטן שלאָף,
וואָס בינדט אַ מענטשן אָפּ פון דויער
און פאַרבינדט אים מיטן סוף?...

קוק איך, קוק און — ווי און ווינד! —
אַז אַ דערוואַקסענער ווערט קינד,
אַן אומבאַהאָלפן קינד וואָס ליגט
אויף קישנס, ווי אויף קריעות אייז,
וואָס רייסן זי אַרויס פון קרייז

פון נאָענטע און וואַרעמע,
וואָס רייסן זי
אַרויס פון הי
און, שווימען, שווימען מיט איר אָפּ...

אָט זע איך שוין פון ווייט, אין אייז־ים,
נאָר איר קאָפּ
וואָס ווערט אַלץ קלענער, קלענער,
ווערט אַ קינדיש קעפּל
אין אַ גאָלד און זילבער־פינקלענדיקן נעפּל
וואָס די פייכטקייט זיינע —
האָט פאַרצויגן
מיינע אויגן...

*

כ׳בין אַ סך געזעסן ביי איר קראַנקנבעט,
נאָר — נישט געזען זי אין די אָרעמס פונעם טויט,
און כ׳ווייס נישט — האָט זי פאַרן טויט גערעדט?
האָט געהערט ווער אירע לעצטע רייד?
צי האָט זי וועמען וואָס געזאָגט
און וואָס אַנטפּלעקט?
צי האָט זי זיך אויף עמעצן געקלאָגט?
אויף עמעצן געפרעגט?
אַ נאָמען אָנגערופן?
אָדער — קיינעם נישט דערקענט
און — אויסגעגאַנגען
ווי אַן אויסגעלאָשן ליכט אַ נישט דערברענט...

תל־אביב, 1973

# ביכער

נאָך אַ בוך און, נאָך אַ בוך —
נאָך אַ שטיין און, נאָך אַ שטיין —
אָט אַזוי־אָ שטעלט אַ שרייבער
אַ מצבה זיך אַליין;

נאָך ביים לעבן שטעלט ער זי,
פורעמט זי און פּיילט און שניצט,
ווייל אַז ס׳זאָל אין איר, זיין נאָמען,
זיין מיט גאָלד אַריינגעקריצט;

ס׳זאָל נאָך אים אַ מאָנומענט
בלייבן פאַר דער אייביקייט.
נאָר פון ערגעץ, אויסבאַהאַלטן —
קוקט מיט שפּאָט אויף אים, דער טויט.

# לעבן

לעבן איז אַ תורה:  
איז די תורה וועגן לעבן,  
וואָס מיר לערנען ס׳גאַנצע לעבן —  
אויף צו וויסן וואָס איז לעבן,  
אויף צו וויסן ווי צו לעבן,  
ווי אַזוי זיך איינצולעבן,  
איינצולעבן — מיטצולעבן,  
מיטצולעבן — דורכצולעבן —  
אויף צו קאָנען איבערלעבן,  
און אַזוי־אָ — קלוג און ריכטיק —  
זען דאָס לעבן אויסצולעבן.

## מיין יום־טוב

### א

אַן אָרעמאַן האָט אויך זיין יום־טוב־מלבוש,
וואָס ער טוט אים אָן אַמאָל,
נאָר מיר קומט זעלטן, זעלטן אויס
אַראָפּוואַרפן פון זיך די בגדי־חול
און, פילן אַז ס׳איז יום־טוב,
אַז דער שווערער עול
האָט זיך ווי אייז געבראָכן —
כאָטש מען קאָן אַמאָל זיך פילן בעסער
„יום־טוב אינדערוואָכן״...

ב

מיין יום־טוב איז נישט אַלעמענעס,
און אַלעמענס —— נישט מיין.
ווי קאַרג און קאַלט ס׳דערגייט די זון
אין טאָל אַריין —
דערגייט אַ יום־טוב־טאָג צו מיין געמיט,
וואָס איז די מאַמע פון מיין ליד,
פון מיין געזאַנג,
וואָס קומט, ווי פון אַ טיפן קוואַל —
אַ ריין געטראַנק.

ג

מײַן יום־טוב — נישט באַשטימט איז פֿון פֿאָראױס
אין קײן שום לוח אָדער קאַלענדאַר.
בײַ מיר איז יום־טוב יענעם טאָג, װען כ׳האָב
פֿון קײנעם קײן פֿאַרדראָס נישט און קײן צער.

נאָר װען איז, װען, אַ טאָג אַזאַ בײַ מיר?!
(מען לעבט דאָך צװישן מענטשן טאָג און נאַכט).
אַפֿילו װען איך בין מיט זיך אַלײן,
װען כ׳האַלט זיך אָפּגעזונדערט און פֿאַרמאַכט —

דערגײט צו מיר די שטים פֿון אַלץ װאָס לעבט,
פֿון אַלץ װאָס טוט װאָס גוט איז און, נישט גוט,
און איך בין גרײט אױך מוחל־זײַן אַזאַ,
װאָס טוט מיר בכװנה װײ ביז בלוט...

איך װײס אַז ס׳איז נישט לײַכט צו זײַן אַ מענטש,
נישט לײַכט איז: לעבן, מאריך־ימים־זײַן
און װיסן, אַז די עלטער איז נישט דאָס,
װאָס אױסגעשטאַנען, אַלטער, גוטער װײַן...

און װיסן װוּ מען האַלט שױן אױף דער װעלט
װוּ טרױער איז פֿאַראַנען מער װי פֿרײד,
װוּ הינטער אַלעמען באַהאַלט זיך אױס
דער אומגעזעען־װאַרטנדיקער טױט.

## אָן דער שכינה

ס'האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר די שכינה
און געלאָשן זיך דאָס ליכט אירס, אַרום מיר,
אויסגעלאָשן זיך, ווי אויף אַ בינע —
נאָכן סוף שוין, ביים אַרונטערגיין פון איר...

האָב איך דעם פינאַל שוין אויך געזונגען?
אָדער, ס'איז אַן אָטעם־פּויזע נאָר —
אָנצונעמען כוח אויף צו קאָנען
פון מינאָר אַריבער אין מאַזשאָר.

נאָר דערווייל — דערווייל האָט זיך די שכינה
אָפּגעטאָן פון מיר און, אויכעט פון מיין וואָרט,
ס'וואָרט וואָס זוכט אַן אויסלייז צו געפינען,
און געפינט זיך אין ירידה נישט קיין אָרט...

## די צייט

די צייט ווען מען טראָגט במחשבה דעם טויט, איז — די עלטער,
וואָס איז אַ מאָל קרעפּטיק און שיין ווי אַ בוים אונטער שניי:
זי אָטעמט אין פראָסט, מיט דער שאַרפקייט פון ווײַן פונעם קעלטער
און ווייזט אַז עס עס טוט איר די עלטער די טיפע, נישט ווײ...

אַזוי ווי מען גרייט זיך באַצייטנס „אַרײַנגיין אין לעבן" —
אַזוי דאַרף מען אויכעט זיך גרייטן אַרײַנגיין אין טויט
און אַלעמען מוחל־זײַן, אַלעמען זען צו פאַרגעבן
דאָס שלעכטס וואָס טוט ווײ, און — אַ זאָג־טאָן דעם טויט:
איך בין גרייט!

## די עלטער

די עלטער וואָס דערהערט שוין נישט
און ס׳נאָענטסטע אַפילו, קלינגט איר ווי פון ווייט —
זי הערט נישט ס׳קלאַפּן פון איר אייגן האַרץ,
נאָר הערט דאָס שלאָגן פון דער צייט...

די עלטער וואָס דערזעט שוין נישט,
וואָס זעט שוין ס׳לעבן ווי אין הינהערפלעט אין שלאָף —
זי סילעט אויף אַ שנירל די געציילטע טעג
און זעט דעם אָנהויב פונעם סוף.

# זקנים

זקנים האָבן שוין דער וועלט נישט וואָס צו זאָגן, וואָס צו געבן —
גייען זיי ווי פּאַזע וואַלד פון גאַנצן רעש און רויש פון לעבן,
נאָענט מיטן טויט און מיט דער מורא נאָר פּאַר אַ פּאַרקילונג...
זענען זיי די ערשטע שוואַלבן אין די גערטענער, אין פרילינג.

זיצן זקנים, ווי די עופות אויף די גזשענדעס — דרעמלען אונטער,
לאָזן לאַנגזאַם אויף דער ברוסט די קעפּ די שניי־ווייסע אַרונטער —
מידע, ווי פון אָפּגעגאַנגענעם שוין לאַנגן וועג פון לעבן —
נישט צו האָבן מער דער וועלט צו זאָגן וואָס און, וואָס צו געבן.

## דער טויט ביי מיר...

אַז דער טויט וועט פריִער מיר נישט אָנזאָגן
דאָס קומען זיינס צו מיר —
וועט ער טרעפן אַ פאַרמאַכטע טיר...

כ׳בין זעלטן, זעלטן אינעם הויז
ווו ס׳וווינט מיט מיר די איינזאַמקייט,
וואָס יאָגט מיך פונדערהיים אַרויס —
וועט ער מוזן זיך מטריח־זיין, דער טויט
און, זוכן מיך אין גאַס,
אין שטאָט, אין אַ קאַפע אויפן „פאַרנאַס״
צווישן מאָלער, דיכטער און אַקטיאָרן,
און נישט זעלטן אויך אַרומגערינגלט
מיט „פאַרשלעפטע קרענק״, „שוואַרץ־יאָרן״,
פאַרבן־שמירער, טינטלער, גראַפאָמאַנען
און נישט ווייניק קונסט־ליבערישע
סנאָבן און פראָפאַנען.

טרעפן אינדערהיים מיך, קאָן דער טויט —
ערשט שפעט נאָך האַלבער נאַכט,
שוין נאָכן מאַכן דעם בילאַנס פון טאָג
נאָך וועלכן כ׳פיל זיך ציניש אויסגעלאַכט...

תל־אביב, 1970

# היים און פרעמד

## מיין פֿאָטערלאַנד

מיין פֿאָטערלאַנד איז דאָרט ווו מ ע נ ט ש איז פריי,
נאָר כ׳ווייס נישט ווו דאָס לאַנד דאָס פרייע ליגט;
איך ווייס נאָר אַז איך ווער אין לאַנד ביי מיר —
פון אומרעכט און פון אומיושר, דערשטיקט;

אַז נישט אַזאַ האָט זיך מיין פֿאָטערלאַנד
געחלומט מיר — ווי כ׳זע עס אויף דער וואָר,
אַ וואָר, וואָס, נישט פֿאַר איר געבלוטיקט האָט
און מקריב זיך געווען, דער שענסטער דור —

איז גאַליק, ביטער איצט, די זיסע פרוכט,
וואָס פֿאַלט אויף אונדזער גוטער ערד אַראָפּ
און טוליעט זיך צו אַ געזונטן שטאַם,
וואָס טראָגט אויף זיך אַ נישט־געזונטן קאָפּ...

## נישט דערקענט...

כ׳האָב דיך נישט דערקענט מיין היים, מיין ליבע,
נישט דערקענט נאָך נישט קיין לאַנגער צייט.
יאָ, ביסט אויסגעוואַקסן, שענער, רייכער,
קליידסט זיך שוין אין סאַמעט און אין זייד,

אָבער, מיר געפעלן ביסטו בעסער
אין דיין פשוט לייוונטענעם קלייד —
ווען עס האָט פון דיר אַמאָל געשלאָגן
גוטער ווילן און געזונטע פרייד;

ווען געזונגען האָסטו ס׳ליד פון פרייהייט —
מיט דער פולער ברוסט און ריינעם קלאַנג;
איצטער זינגסטו, ווי עס זינגט זיך אונטער
ביי אַ באַלעבאַטיש־זאַטן גאַנג...

יאָ, ביסט שענער, רייצנדיקער, רייפער,
אָבער מיר — שוין ווייט נישט, ווייט צום האַרץ;
האָסט נאָר ליפּן רויטע און געשמינקטע,
און דאָס אויג דיינס פאַלט אַריין אין שוואַרץ...

## אין לאַנד פון די נביאים

די הײם מײַנע — דאָס לאַנד פון די נביאים,
די הײם מײַנע — דאָס לאַנד פון עם הספר —
דאַרף קײן זינגער נישט,
זי דאַרף נישט קײן פּאָעטען —
קרעמער דאַרף זי,
הענדלער און פאַרקױפער —
ס׳לאַנד פון די נביאים,
ס׳לאַנד פון עם הספר.

װאָלטן זײ געקאָנט, די קרעמער פון מײַן הײמלאַנד —
װאָלטן זײ פאַרקױפט פון לאַנד די שײנקײט,
װאָלטן זײ אַראָפּגעריסן פן די הימלען ס׳תכלת
און פאַרקױפט איר רײנקײט;
װאָלטן זײ אַראָפּגענומען פון דער זון דאָס גאָלד,
דאָס זילבער — פון לבנה־נעכט
און ס׳ליכט — פון שטערן,
אַלץ פאַרקױפט
און — אױספאַרקױפט זאָל װערן !...

## אַזוי...

אַזוי זעט זי אויס איצט, מיין היים,
וואָס איך האָב ווען באַזונגען מיט לויב
און מיט פרייד פון די ברידער, וואָס האָבן זי פריידיק געבויט,
נאָר (צום גרויסן באַדויער) — פאַר די וועלכע לעבן פון רויב
און פון שינדן אַזוי ווי קצבים, פון אַלע, די הויט...

אַזוי זעט זי אויס איצט, מיין היים,
וואָס האָט הייליקן שימל אַ סך,
און נישט ווייניקער — צביעות פון הייליקסטן פייער און פלאַם;
ווו מען רעדט מיט דער אַלט־נייער ביבליש־נביאישער שפּראַך,
און מען הייבט מיט די זינד פון פאַרברעכנס — צו „תשליך" —
דעם ים...

# נישט אייך...

נישט אייך אין לאַנד אין זוניקן,
געהערט אַצינד מיין ליד פון לויב;
נישט אייך, וואָס אין מיין היים —
זענט איר די זיילן — זיילן שטויב,
וואָס בייזע ווינטן האָבן אויפגעהויבן,
זיילן וואָס עס וועלן ווינטן אַנדערע —
זיי אומוואַרפן,
צוריק צעשטויבן
און די שטויביקייט — צעטראָגן און פאַרטראָגן,
אַז די לופט זאָל ווידער ווערן ריין.

דערווייל — דערווייל פאַרקויפט מען
אויפן מאַרק דעם שוואַרצן:
מיך, דאָס פאָלק און, גאָט אַליין...

*

זאָל האָבן דאָס אַלץ וואָס איך האָב וועגן לאַנד דאָ געטראַכט,
נאָר אַ חלום געווען, נאָר אַ ליכטיקער חלום אין שלאָף ? —
וואָלט בעסער געווען שוין, ווען ס׳ציט זיך ביז איצט נאָך, די נאַכט —
צו פאַרשלאָפן די וואָר, וועלכע הענגט איבער אַלץ, ווי אַ שטראָף.

ווער האָט עס געוועקט מיך, געוועקט, ווי מען וועקט ווען עס ברענט
און — מיר איבערגעריסן אַ זעאונג וואָס שפּאַנט און באַרוישט ?
אָ, לאַנד פון מיין חלום ! איך האָב נישט אַזאַ דיך געקענט ! —
ווי מען וואָלט אויף אַ צווייטס, אויף אַ פינצטערס געווען
דיך פאַרטוישט...

# אַ לאַנד אַ הייס...

אַ לאַנד אַ הייס, ווי פייער וואָלט פון הימל זיך געגאָסן,
נאָר קאַלט איז, קאַלט אין אים, ווי ערגעץ ביי די עסקימאָסן;
די קעלט, זי קומט פון עם־ישראלדיקער גרויס אהבה,
אַ ברידערלעכע קעלט וואָס יאָגט פון גדלות און פון גאווה.

אַ לאַנד אַ הייס, ווי ס'איז אַ קאָכעדיקער טאָפּ אָן אוירן,
און ווער עס קאָן דעם טאָפּ נישט אָנכאַפּן — דער איז פאַרלוירן,
דער וועט שוין עסן דאָס, וואָס ס'וועלן שענקען בני־רחמנים,
איז — ווינטש איך זיך: צו זען מיין הימלאַנד מיט אַ שענער פּנים.

תל־אביב, 1953

# שלום־בית

אַז ס׳לאַנד, דאָס בידנע לאַנד איז קליין,
איז קליין ווי אַ כזית,
און יעדער דאַרף עס נאָר פאַר זיך אַליין —
איז ווי קאָן זיין אַ רייד פון שלום־בית ? —

רייסט מען זיך אַרום,
און איינער זעט אין צווייטן
אַן אומזיסטן פרעסער,
וואָס ער קומט צום גרייטן...
יעדער וויל די בכורה,
יעדער וויל די שליסל,
יעדער זוכט אַ בענקל
און מען מיינט — די שיסל...

רייסט מען זיך אַרום
פאַר דינים און געזעצן,
יעדער איז אַ „קאָפּ־מענטש",
אַלע זענען „ספּעצן"
ווי אַזוי צו פירן
אַלעמען אין תלם
און — ס׳איז מעשה סדום שוין,
אָדער, מעשה כעלעם...

רייסט מען זיך אַרום
(עס פעלן נישט קיין רייסער)
און באַרייסער, שינדער,
פערד און מרחץ־שמייסער,
„שיינע יידן”, שמוגלער,
שוואַרץ־הענדלער און דרייער,
און עס קיניגט איבער
אַלץ — דער כוח־גייער.

רייסט מען זיך אַרום
(פאַר פאָלק און לאַנד פאַרשטייט זיך)
און דאָס פאָלק, די קליאַטשע,
איינגעפאַלן, גייט זיך,
טראָגט דעם עול דעם שווערסטן,
פרווט זיך נישט באַפרייען
און פאַרדינט — מען זאָל עס
געבן שטרוי צו קייען...

אַז ס׳לאַנד, דאָס בידנע לאַנד איז קליין,
איז קליין ווי אַ כזית,
און יעדער דאַרף עס נאָר פאַר זיך אַליין —
איז ווי קאָן זיין אַ רייד פון שלום־בית?

## ווּ...

ווּ נעמט מען איצט אַ טאָג,
ווּ נעמט מען איצט אַ נאַכט —
פון יענע טעג און נעכט, וואָס זענען דאָ אַוועק,
ווי ס׳וואָלט זיי אַ פּאָעט, אַ בעל-חלומות, אויסגעטראַכט —
ווען חלום איז געווען ביי אים דאָס איינציקע פאַרמעג...

ווּ נעמט מען זיי אַצינד —
מיט זייער פאַרב און קלאַנג
פון גאָלד און זילבער, וואָס דערמאָנט נישט אָן קיין געלט...
נאָר פון אַזאַ געלייטערט ליכט און פון אַזאַ געזאַנג,
וואָס קומט פון איבערמענטשלעכקייט און, טראָגט צו אויבערוועלט.

## אויף שטאָלענע פליגל

נישט אויף פליגל פון דערהויבונג,
נישט אויף פליגל פון צעשטראָלונג,
נאָר אויף פליגל פון אַן „אָדלער"
וואָס איז ענלעך צו אַן אָדלער —
פלי איך,
הויב זיך הימל־הויך —
צו קוקן אַראָפּ נאָר,
אַראָפּ אונטער זיך
אין אַ תוהו ובוהו
ווו ס'נעפּלט אַן ענדלאָזע פאַרביקע מאַפּע
מיט דין־דינע צייכנס: סימנים פון ערד.

טראָגט מיך דער שטאָלענער אָדלער,
שניידט מיט מיר הימלען,
שניידט זיך אַריין אין אַ וואָלקן,
קריגט זיך אַרויס פון אים, ווי פון אַ לופט־טונעל,
טוט זיך אַ לאָז צו אַ פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ
פון ליכטיקע לופטשלעסער,
וועלכע צעפּאַלן זיך,
לעשן זיך אויס —
מיטן אָדלערשן אָנפלי.

טראָגט מיך דער שטאָלענער פויגל
און פּלוצעם: אַ בלייערנער הימל
פאַרגאַרטלט מיט אַ רעגן־בויגן,
ווי אַ זיבן־פאַרביק טויער—
פליט אין אים אַריין דער אָדלער,
לאָזט זיך ביסלעכווייז אַרונטער,
גרייט זיך מיך אַראָפּצולאָזן,
מיך צוריק מיט ערד פאַרבינדן,
מיט דער ליבער מאַמע ערד
נאָר — נישט ביי מיר אין לאַנד אין מיינעם
ווו ער האָט מיך אויפגעהויבן
און מיט מיר אַ ריס־געטאָן זיך
צו דער ווייטער פרעמד, אויסטראַליעס.

מעלבורן, 1974

## אין פרעמדע גערטנער

א

אין מעלבורן, אויף „דיקענס־סטריט" אין גאָרטן,
קאָן מען טעגלעך מיך געפינען דאָרטן —
אין די לויטערע פרימאָרגן־שעהן
ווען עס זוניקט, ווען די הימלען בלאָען
אָדער — אין די ווייך־רויטע פאַרנאַכטן
ווען זיי צינדן, רעגן אָן צו טראַכטן —
זיצט אַ פרעמדער, אַ ישראלדיקער,
אַ פּאָעט וואָס — שיינקייט מאַכט אים שיכור —
זיצט ער עס אַזוי מיט זיין אַליינקייט,
ווי אָנגעטרונקען מיט אויסטראַליעס שיינקייט.

ב

זיץ איך אין דער פרעמד אַזוי, אין פרעמדע גערטנער
ווו עס רעדט צו מיר די שטילקייט, ווו מען הערט נאָר
ווינטיק בלעטערן, אַ שאָרוועץ און אַ שאָרכן,
אַ געפּיפּס פון פייגל, און אַ סאָוועס שנאָרכן.

זיץ איך — פון דער קאַלטער פרעמד אַרומגענומען,
צווישן בייטן וואַרעם־שמייכלענדיקע בלומען,
אונטער שאָטנדיק־געדיכטע קעפּ פוןביימער
און, ס'איז גוט מיר, גוט — כאָטש נעם זינג אויף אַ זמר —

נאָר עס זינגט זיך מיר נישט, איך בין פול מיט קנאה
צו דער רחבותדיקער, פרעמדער מיר, מדינה,
וואָס איז גרויס און רייך — הלוואי געזאָגט־געוואָרן
אויף מיין היים, וואָס האַלט נאָך ווי ביי צנע־יאָרן...

## ג

אין גאָרטן אויף אַ בוים האָט זיך אַ לאַך־פויגל פאַרשטעקט
און, לאַכט פון מיר און לאַכט — כאַ־כאַ! און נאָכאַמאָל — כאַ־כאַ!
— אַ מענטש האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן, זיצט און טראַכט
און וואָס, קאָן, כ׳לעבן, צוטראַכטן אַן אַלטער נאַר אַזאַ?!

— עס האָבן קליגערע פון דיר, דעם שכל פון דער וועלט
באַטראַכט און, וואָס אומשטיינס־געזאָגט אונדז אויסגעקלערט?
אַ משחית אָט אַזאַ וואָס נאָכן לאָזן אים אין „גאַנג" —
זאָל בלייבן פון דער וועלט דער שיינער, נאָר פאַרקוילטע ערד.

איך זיך. דער פויגל לאַכט פאַרקייכט און — כ׳שטעל זיך ראַפּטום אויף.
פאַרלאָז די באַנק, דעם בוים, דעם שאָטן און, איך לאָז זיך גיין,
נאָר ס׳גייט דעם גאַנצן וועג מיר נאָך דעם לאַך־פויגלס כאַ־כאַ! —
אַ לאַכן וואָס באַאומרואיקט און איז נישט צום פאַרשטיין.

## כ׳האָב אַ היים

כ׳האָב אַ היים, אַ היים אַן אייגענע, אַן אַלטע
און אַ יונג־געוואָרענע, באַנייטע
אַ צוריק־דערוואָרבענע דורך בלוט און פייער
אָבער — אַלץ נאָך, אַלץ נישט קיין באַפרייטע,
אַלץ נאָך אַ באַלאַגערטע פון יידן־שונאים,
וואָס די יידן־שנאה האָט פאַרבונדן,
שונאים וועלכע האָבן נאָך די קלעפּ פון צה״ל —
שוין נישט איין מאָל זיך אַרומגעלעקט די ווונדן...

כ׳האָב אַ היים, נאָר ס׳איז אין איר נאָך אַלץ נישט היימלעך —
פון מאַהאַמעטס ברונעמער מיט שנאה —
הענגען אַלץ נאָך ווי די פולע לאָגלען — וואָלקנס
איבער אונדזער יידישער מדינה,
וואָס איז קליין, אויך קליין אין צאָל — אַנטקעגן אירע
שכנים — בלוט־פיינט, גיפטמישער און קריגער,
וואָס דערמאָנען אונדז דעם לעגענדאַרן גלית
מיטן קליינעם דודן — דער זיגער.

## מיין פאָרן אַהיים...

ס׳איז זייער נישט פריילעך מיין פאָרן אַ היים איצט,
אַ היים צו מיין אומגליקלעך, אומרואיק לאַנד
ווו ס׳איז נויטיק נאָר דער,
וואָס קאָן האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט...

און טרויעריק איז מיר נישט ווייניק — דערפאַר,
ווייל אויסער די קאַלטע און טוכלע פיר ווענט
ווו איך ווין מיט מיין גורל, מיין האַרטן —
האָב איך נישט ווער ס׳זאָל מיין אָנקום דערוואַרטן —
אויסער מיין שוועסטער — די איינזאַמקייט מיינע,
וואָס האָט מיך אַרויסבאַגלייט אויף צום געזעגענען —
זי — וועט מיך אָפּוואַרטן,
זי — וועט מיך קומען באַגעגענען...

## צוריק פון אויסטראַליע

דער שטאָלענער אָדלער וואָס האָט מיך געבערענגט
פון מיין אומרואיק היימלאַנד —
אויף רואיקער, זאַטער אויסטראַלישער ערד —
דער שטאָלענער אָדלער
וועט באַלד מיך אַ נעם-טאָן אויף זיך
און זיך לאָזן מיט מיר אויף צוריק
צו מיין אָרעמער היים
צו וועלכער איך קום מיט מיין וווּנדיקער קנאה:
די קנאה צום לאַנד פון אַ פרעמדע מיר, רחבות,
די קנאה צום לאַנד פון אַ פרעמדע מיר, רייכקייט,
צום לאַנד פון אַ פרעמדע מיר, שיינקייט,
און אויך צו אַ פריינטלעכקייט,
וועלכע איז פרעמד מיר
ביי מיר אין דער אייגענער היים.

# פ ר ע מ ד

די פרעמד בלייבט פרעמד —
אפילו ווען מען טראָגט פון איר אַ זיידן העמד.
און ווי עס וואַרעמט נישט קיין זייד —
איז גוט די פרעמד פון ווייט,
די ווייט וואָס לאָקט און ציט —
צו זען ווי יענעמס גאָרטן בליט,
ווי ס׳בליט נישט דיין...

נאָר לאָמיר האָבן שוין די גוטע יאָר —
ווי מיר איז ליבער ס׳פּראָסטע העמד פון ליין —
מעג זיין עס מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע —
איידער אַ נגידיש העמד,
וואָס בלאָזט מיט קאַלטע שטייפקייט
און מיט פרעמד.

מעלבורן, 1975

# אָן אַ יורש

אַז איך וועל שטאַרבן —
שטאַרבן צוזאַמען מיט מיר
די איינציקע, מיר נאָענטע,
וואָס האָבן מיר אַ לעבן לאַנג געמאַכט דעם טויט:
מיין ווייב — די מוזע מיינע,
וואָס האָט מיר נישט איינמאָל געוואָרפן „דעם גט פאַר די פיס״,
די קינדער — מיינע לידער,
וואָס פלעגן (געראָטן אין דער מאַמען) —
כסדר מיך פאַרלאָזן
און מיך איבערלאָזן מיט דער ליידיקייט
אין וועלכער ס׳האָט זיך שטום צעלייגט דער טרויער.

הלואי עס זאָל נאָך מיר כאָטש מאריך־ימים־זיין
דאָס לשון פון מיין ליד — מיין מאַמע־לשון יידיש,
וואָס איז קראַנק ווי ס׳איז אַ בוים,
וואָס אַ פאַרשוועמונג האָט אָפּעגעריסן אונטער אים די ערד
און שטיין־געלאָזט אים נאַקעט ביזן שורש.

שטאַרב איך —
לאָז איך נישט נאָך זיך קיין יורש.

# אינהאַלט:

## אין די ווייסע יאָרן


אין די ווייסע יאָרן . . . . . . . . 9
אַ פרוי . . . . . . . . . 11
כ׳בין דאַכט זיך . . . . . . . . 12
ווען כ׳וואָלט געווען . . . . . . . 13
ווי אין מאָלערס האַנט . . . . . . 14
פּאַרפירעריש ליכט . . . . . . . 15
דיין ווייטע באַענטקייט . . . . . . 16
אין האַרץ ביי מיר . . . . . . . 17
פּאַראַדאָקסאַלע ליבע . . . . . . . 18
אין באַדויער . . . . . . . . 19
אייפערזוכט . . . . . . . . 21
נישט די ערשטע א. . . . . . . . 22
ב. . . . . . . . . 23
צו אַ מאַמען מיט איר טאָכטער . . . . . 24
וועל איך אויפהערן . . . . . . . 25
מיט לעבן א. . . . . . . . 26
מיין אַאַזיס ב. . . . . . . . 27
מיר ג. . . . . . . . . 28
פון אַלטן ווייַן ד. . . . . . . . 29
אַ תפילה ה. . . . . . . . 30


## שוואַרץ־ווייס


אַפריקע . . . . . . . . . 33
צו די שוואַרצהויטיקע . . . . . . . 34
אין הויז פונעם ווייסן א. . . . . . . 35
ב. . . . . . . . . 36
ג. . . . . . . . . 37
שוואַרצע זינגערן . . . . . . . . 38
שוואַרצע שפּילן . . . . . . . . 40
דער טאַנץ פון די זולוס . . . . . . 41
דער טאַנץ ביים „מיין" . . . . . . 42

גאָלדגרעבער . . . . . . . . . . 43
דזשאָן מיט זיינע צוויי גיטאַרעס . . . . . . 44
גאָט איז שוואַרץ . . . . . . . . . 45
וואָלקאַניש . . . . . . . . . . 46

## נישט לשמה

אַ טבע שוין אַזאַ . . . . . . . . . 49
אַליין אין וואַלד . . . . . . . . . 50
ליד וועגן דאַכלאָזע . . . . . . . . 51
נישט שטענדיק . . . . . . . . . 53
אַ טאָג — אַ שלאַכט . . . . . . . . 54
פיינט פונעם אמת א. . . . . . . . . 55
ב. . . . . . . . . 56
צו די וואָס זוכן דעם אמת . . . . . . . 57
צו די וואָס ווילן ראַטעווען די מענטשהייט . . . . 58
איך טרוי נישט מער . . . . . . . . 59
אַ גוטער מענטש . . . . . . . . . 60
דער לעצטער פּלי א. . . . . . . . . 61
ב. . . . . . . . . 62
דאָס גייסטיקע ברויט . . . . . . . . 63
ווידער אין פּאַריז . . . . . . . . . 64
אין דער שטאָט פון אַלע מוזעס . . . . . . 65
דאָס וויגליד פון „פּאַרגי און בעס“ . . . . . 67
פרייהייט . . . . . . . . . . 68
אין באַווינטן מידבר א. . . . . . . . 69
ב. . . . . . . . 70
ג. . . . . . . . 71
ד. . . . . . . . 72
ה. . . . . . . . 73
ו. . . . . . . . 74
ז. . . . . . . . 75
ח. . . . . . . . 76
ט. . . . . . . . 77
י. . . . . . . . 78
יא. . . . . . . . 80

## אָנהויב סוף

נאָכן טויט פון אַ פריינט . . . . . . . . 85
אין ליכט פון פּאַרגאַנג . . . . . . . . 87
אויך נישט דער . . . . . . . . . 88
ביי איר קראַנקנבעט . . . . . . . . 89
ביכער . . . . . . . . . . 92

לעבן . . . . . . . . . . . . 93
מיין יום־טוב א. . . . . . . . . . . 94
ב. . . . . . . . . . . 95
ג. . . . . . . . . . . 96
אָן דער שכינה . . . . . . . . . . 97
די צייט . . . . . . . . . . . 98
די עלטער . . . . . . . . . . . 99
זקנים . . . . . . . . . . . . 100
דער טויט ביי מיר . . . . . . . . 101

## היים און פרעמד

מיין פאָטערלאַנד . . . . . . . . . . 105
נישט דערקענט . . . . . . . . . . 106
אין לאַנד פון די נביאים . . . . . . . 107
אַזוי . . . . . . . . . . . . . 108
נישט אייך . . . . . . . . . . . 109
זאָל האָבן... . . . . . . . . . . . 110
אַ לאַנד אַ הייס... . . . . . . . . . 111
שלום־בית . . . . . . . . . . . 112
ווי . . . . . . . . . . . . . 114
אויף שטאָלענע פליגל . . . . . . . . . 115
אין פרעמדע גערטנער א. . . . . . . . 117
ב. . . . . . . . 118
ג. . . . . . . . 119
כ'האָב אַ היים . . . . . . . . . . 120
מיין פאָרן אַהיים . . . . . . . . . 121
צוריק פון אויסטראַליע . . . . . . . . 122
פרעמד . . . . . . . . . . . . 123
אָן אַ יורש . . . . . . . . . . . 124

## פון זעלבן מחבר — ביז איצט דערשינען:

אין זוניק לאַנד — וואַרשע — 1927
רויט אויף שוואַרץ — וואַרשע — 1929
גאָלדענע זאַמדן — וואַרשע — 1932
סערגיי יעסענין — פון רוסיש — וואַרשע — 1933
אונטער פייער — תל־אביב — 1939
מן הטנא — פון יידיש — תל־אביב — 1945
געקליבענע לידער — ניו־יאָרק — 1947
אַן עלנט הויז — פּראָזע — תל־אביב — 1950
פּרוכט פון ווינט — יאָהאַנעסבורג — 1952
מיין שיר השירים — תל־אביב — 1953
היימישע און נאָענטע — תל־אביב — 1959
די זון הינטער מיר — תל־אביב — 1961
פרי גני — פון יידיש — תל־אביב — 1962
פון צווייטן בראשית — תל־אביב — 1964
מיין שיר השירים — צווייטע אויפלאַגע — תל־אביב — 1966
איבער חורבות — תל־אביב — 1967
אין ליכט פון פאַרגאַנג — תל־אביב — 1969
סערגיי יעסענין — צווייטע אויפלאַגע — תל־אביב — 1970
בשערי הקשת — פון יידיש — תל־אביב — 1971
ירושלים אין יידישן ליד — אַנטאָלאָגיע — תל־אביב — 1973
פון אַליין צו ביסלעך — פּראָזע — תל־אביב — 1974